STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02073

NO-PASARAN

Aaron Kurtz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א מתנה פון
שטאטישן שולן קאמיטעט
אלס אויסצייכענונג אין שול ארבעט

אהרן קורץ

„נאָ - פּאַסאַראַן“

לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס פון שפּאַנישן
פאָלק אין זיין קאַמף קעגן פאַשיזם

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס-פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1938

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE *of the* JEWISH SECTION
of the INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue, New York
January, 1938

209

געדרוקט אין 3000 עקזעמפּליארן

דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם בוך, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע לידער, איז באַזירט אויף פאַקטישן מאַטעריאַל: בריוו פון שפּאַנישן פראָנט, קאָרעספּאָנדענצן, און געשפּרעכן מיט צוריקגעקומענע בריגאַדירן. די נעמען פון די העלדן אין בוך זיינען ניט קיין פיקטיווע. דאָס זיינען נעמען פון מענטשן, וועלכע מיר אַלע קענען; מענטשן, וואָס האָבן זיך געזעגנט מיט אונז און אַוועק איינשטעלן זייער לעבן פאַר דער באַפרייאונג פון שפּאַנישן פאָלק פון די פאַשיסטישע באַנדיטן — וואָס דראָען אונז אַלעמען.

א. ק.

אינהאַלט

	זייט
"Divide et Impera"	5
סאַנטאַ יולאַליאַ	6
דאָן פעזאַנאַ	8
מיין ווינטערמאַנטל אויפן שלאַכטפעלד	10
דער בריגאַדיר	12
זעקס ברידער גייען אויף מלחמה	15
א בריוו פון באַדין	19
א בריוו	20
א בריוו פון מאַוזין	21
א בריוו פון לייבלען	22
א בריוו פון הערין	24
א בריוו פון דעניין	25
דוד זארכי	27
א בריוו פון דזשעקן	29
א בריוו פון סאָלן	30
א שטאָט מיט נאַכט	31
מאַדריד	32
שפאַניש וויגליד	34
די אסטורישע בלום	35
א בריוו פון א קראַנקנ־שוועסטער	36
אנדאַלוזיער לאַנדשאַפט	39
א בריוו פון א שווישפּילער	41
טאַמים נעבערטאַג	42
דער אַמבולאַנס־טרייבער	44
א בריוו פון א כירורג	45
דאָס איינגל ראַמאַן	47
א בריוו פון א סאַניטאַר	48
א שטאָט מיט קינדער אויף דער זון	49
וואַלענציע	51
דער וועג קיין סאַנטאַנדער	52
שפאַנישער פייזאַזש	53
Pascua de Flores	54
כל־נדרי	56
דער אָרקעסטער	59
מאַדעסטאַ	60
און לירישע פּליסט דער מאַנזאַנאַר	61
מיגועל סערוואַנטעס	62
קאַרמענסיטאַ	65
אַנטאָניאָ אַלבערטי	67
א באַן מיט קינדער	68
באַסקישע לאַנדשאַפט	70
קאַרמעליטאַ	71
יאָסל	72
אַדעלינאַ	73
ניינצנטער יולי (1937)	75
א בריוו פון א פּראָפעסאָר	76
קיניג טויט	78
די לעצטע לויה	92
„נאָ פּאַסאַראַן!”	94
סאַלוד!	95

"DIVIDE ET IMPERA!"

(צעטייל און הערש)

"Divide et impera!"
דריי ווערטער. שטאַם —
פון אַלטן רוים. —
דריי פייערדיקע פעלזן
אַפן האַרץ
פון מענטשנס טרוים.

דריי ווערטער. און ווייסטו ניט
די ווערטערס טייטש,
זיינען זיי „אומשולדיק", ווי אַלע פרעמדווערטער.
דריי ברענענדיקע קנופּן
פון בלוטיק־שמייסנדיקער בייטש.

.1807
די געשיכטע האָט פאַרשריבן:
זיי זיינען פיר: הימל און ערד
און זיי באַנאַנד.
צוויי „גוטע פריינט" גיבן זיך די האַנט:
אַפן נימאַן שווימט אַ פּליט:
צוויי קייסאָרים, די וועלט — אינדערמיט.
„וואָס איז אייראָפּע?
מ י ר
זיינען אייראָפּע." —
האָט אַלעקסאַנדער פאַרזיכערט נאַפּאָלעאָנען.
און זיי האָבן צעגראָבן
די וועלט אַף אָקאָפּעס.
און די ווערטער דריי
ברענען אַף די באַנערס, אַף די פאָנען.

ווען רוים פאַלט אָן אַף אַביסיניע,
טאָקיאָ אַף שאַנכאַי,
אַזויפיל און אַזויפיל שותפים
אַף דער זינגענדיקער, מאַלערישער שפּאַניע.
און מע ציילט. און מע טיילט.

דריי ווערטער — איין דעוויז
הינטער אַלע פילאָזאָפיעס פון רויב־אַבסאָלוטיזם :
שטייט־אויף דאָס פאָלק — ווערג און שיס, —
פון פעאָדאַל ביז שטאַט־פאַשיזם.

דריי ווערטער.
טויזנט טויט־טעאָריעס
היטן־אָפּ די רוימישע טראַדיציע.
אין שלאַכטפעלד־לאַנדשאַפט—אַף ציוויליזאַציע די ביטערסטע איראָניע.
און טויט — די לעבעדיקסטע אַמביציע.

דריי ווערטער. וואו זיי גילטן
איז דאָס לעבן אַן אינפערנאָ.
(דאָס האָבן געוואוסט סיי דאַנטע און סיי מילטאָן).
דריי ווערטער וואָס צעבלוטיקן די ערד און ימען :
"Divide et impera!"

סאַנטאַ יולאַליאַ

(אַ שטעטעלע אין שפּאַניע)

די זון האָט זיך געוויגט
אַף ווייסע זעגלען
פון טויזנט קליינע פישער־שיפלעך.
דאָ האָט קיינער ניט געקענט ניט מאַרקסן
און ניט העגלען. —
שיינקייט האַלב־טראָפּישע, טענץ, געזאַנג,
גוטמוטיקייט און מעשה־ביכלעך —

דאָס שטעטעלע סאַנטאַ יולאַליאַ :
געשפּיגלט זיך אין בלאָע וואַסערן
פון מיטללענדישן, —
אַ מיזיניקל אין דער משפּחה אינזלען באַלעאַרישע,
וואו פישער טראָגן־אום אין בוזעם די לבנה,
טעפּער פלאַנצן בלומען און פרעגן רעטענישן,
מיידלעך פלעכטן נעצן,
און פלעכטן זינגענדיק אַ טרוים אַריין.
קינדער באַ די ברעגן זעען יענע, יענע, יענע,
יענע ווייטע זייט
פון ווייטע, ווייטע ימיק־הימלדיקע ווייטן
וואו טרוימען רייטן אַף די שטראַלן פון דער זון,
און אַלע, אַלע אין דער אָרעמער יולאַליאַ
לעבן אַף ברויט מיט פיש און טרוים מיט ליד.

פון נעץ־פאַרוואַרפער ביז די פישער־קאַפּיטאַנען
וויל מען די נעץ איבערן קאָפּ אַלפאָנס, דעם לעצטן,
גיל ראָבלעס און לערו.
— וויוואַ, וויוואַ סעניאָר אַזאַניאַ !
— ענגלאַנד איז אַ שלאַנג, פראַנקרייך —
האַלב האָז, האַלב שעפּס, האַלב קו.

איביזאַ איז די פייער־נעסט פון דייטשע קרייצערס.
מאַלאָרקאַ איז אַן אינזל גיפט און טויט
פון פיאוסעס איטאַליע.
בשותפות שלאַנג און קו שטעלן־צו אַ פּלייצע :
אין הייסן אַש פון באַלדיקער פאַרגאַנגענהייט ביסטו -
טרוימערישע, וויסנאַכטיקע
סאַנטאַ יוליאַליאַ.

פערעז דער טעפּער,
דער פישער כואַן —
דער מענטש סאַנטאַ יולאַליאַ ! —
קענען פייער פון פליענדיקע קאַפּראָני־„געטער״
פון שטעטל וואַטיקאַן.

סאנטא יוליאליא קעגן וואטיקאן:
שטעטל קעגן שטעטל:
הימל און ערד — קעגן געטלעכן טיראן,
מענטש — קעגן פייערדיקן סדום־בעטל.

כאָטש לעצטער זכר פונעם פישער־שטעטל
איז א חורבן, א נאכט
מיט א הילפלאָזער לבנה, —
איז דער מענטש כוואן,
דאָס פישערשטעטלע סאנטא יולאליא
מעכטיקער
פון גיהנום־שטעטל וואטיקאן,
אייביקער
פון טויזנט טויזנטער פאַשיסטישע איטאַליעם.

דאָן פעזאַנאָ

(דעם חבר אייב סקאָלניק, וועלבער האָט
דורכגעפירט אַן ענלעכן, העלדישן אַקט.)

דאָן פעזאנאָ
איז אַף דער וואך געשטאַנען.

דאָן — דער אַכצניאָריקער,
אין בלויקייט אין פארטאַגיקער.

דער מאָרגנשטערן וואכט ביז ס'איז אין פולן גאנג די זון,
דאָן איז א בארג־זון, וואָס ווארט אַף דער זון בא אירון.

דאָן טרויט ניט אַן דעם מאָרגנשטערן, כאָטש ס'ווערט הימל העלער.
דאָנס געהער גרייכט צום הימל — צום רויש פון טויט־פּראָפּעלערס.

דאָן, דער אַכצניאָריקער,
אין פעלד, אַף וואך באַם לעבן, אין טויען פארטאַגיקע.

דאָן פעזאַנאָ האָט דערקענט א טויטן־נעסט.
דאָן פעזאַנאָ האָט ניט לאַנג געקלערט:

זאָל דורכגיין דער טאָג, זאָל אָנקומען די נאַכט,
וועל איך בעטן אורלויב אַף באַגינען פון דער וואָך.

ברייטפּעלדיקער באַגינען שוואַנגערט נאָך מיט נאַכט־געפּאַרן.
דאַן, דורך טויזנט טויטן, לאָזט זיך צו דער נעסט צו שאַרן.

דאַן דראַפּעט זיך דורך דערנער און דורך דראָטן,
ביקס און האַרץ מיט גרייטקייט אָנגעלאָדן.

דאַן טאַפּט פאַרזיכטיק געבערגלטע געוויקסן.
דורך טויען טראָגט זיך ווייטער אַן „איבעררייד" פון ביקסן.

דאַן דערהערט אַ שאַרך אין הויכע קוסטעס:
אַ מענטש רעדט. אַ מענטש פאַרהוסט זיך:

די נעסט. מאַשינביקסן פונדאַנען קיינעמסלאַנד באַהיטן.
וויפיל אויספאַרשער פון דאַנס בריגאַדע דעם אַטעם אַפּגעשניטן.

ס'זיינען פרייוויליק געגאַנגען בריגאַדירן
אַפן טויטן־נעסט דעם אורטייל אויסצופירן.

נאָר ס'האָט קיינער ביז דער נעסט נאָך ניט דערצווינגן.
דאַן. דאַן. — די טויטן־נעסט פאַר זיינע אויגן.

דאַן די נעסט באַדונערט מיט גראַנאַטן.
דער קוסט — מאַשין־טויט הייבט אַן קלאַפּן.

דאַן שליידערט זיינע לעצטע מיטלען.
פון קוסט די פייער־קוילן הערן־אויף צו פינטלען.

שטיל. טויט. דאַן שפּרינגט אַריין אין ברענענדיקע צווייגן.
זעקס זעלנער, זעקס פּולעמיאָטן, — אַלע שווייגן.

האָט דאַן פאַרנומען דאָס געווער — און צוריק צום פּאָסטן.
דאַן פּעזאַנאָ, וואָס האָט זיך קעגן טויט פאַרמאָסטן.

דאַן, דער באַרג־זון אַכצניאָריקער,
דאַן פּעזאַנאָ — אין בלויקייט אין פאַרטאָגיקער.

מיין ווינטערמאַנטל אַפן שלאַכטפעלד

טייערע ברידער פון שפּאַניע:
כ'האָב היינט פאַרטאָג דורך ראַדיאָ
געהערט אייער אַפּיל:
— „די שלאַכט ברענט — און טעג ווערן קיל."

שיק איך אייך מיין מאַנטל,
און וויקל איין אין אים מיין האַרץ,
אַן אָנגעצונדענע,
מיינע ברענענדיקע אָדערן אַריינגעוועבט
אין דעם פעדים פון געוואַנט —
ווי הייסע דראָטן מיטן שלאַכטפעלד־טעלעפאָן
פאַרבונדענע.

פאַר געזונטערהייט, מיין מאַנטל,
דיין יעדעס פעדימל וועט זאַפּן
פייערלעכן מוט,
און אויב אַף יעדן פעדימל
וועט זיין
אַ פלעק פון בלוט — וועט דאָס אַ זיגל זיין
אַף אונזער אָנגעלאָדן האַרץ,
וועט דאָס אַ צייכן זיין
פון יענע טעג,
אַף וועלכע מיר האָבן אַ לעבן לאַנג געוואַרט.

פאַר געזונטערהייט, מיין מאַנטל,
וועסט וואַרעמען אַ מענטשן — וויכטיקער פון מיר.
איך קען קעמפן דאָ
דערווייל
אין טראַנטעס,
איך קען דעם ווינטער דורכשלאָפן אין פּאַרק,
פאַרשטריקלט
אין אַלטע צייטונגען און פּאַק־פּאַפּיר.

ווערסט ווארעמען
דעם גרויסן מענטש פון אונזער צייט,
וואס ווארפט זיך מיטן לעבן
אף דער שנאה פון דער וועלט.
אף דיין אונטערשלאק
מיט בלוט
נעם איך און פארשרייב:
צו אַ קעמפער, אַ באפרייער,
צו אַ העלד.

זאלסט ברודערלעך ארומנעמען
דאס לייב פון בראוון קעמפער,
און ווען זיין זודיק הארץ וועט צו דיר רעדן,
זאלסטו געבן אים
פאר מיר
א ברודערלעכן ענטפער.
זאלסט בויגזאם זיין
באם שליידערן גראנאטן,
לייכט — אף זיינע אקסלען,
באם קערעוועז הארמאטן.

זאלסט העלפן,
ווי איך וואלט דערביי געווען
אליין.
כ'וועל דיר נאכגיין
מיט מיין אויג און קול
ווען דו וועסט אין אטאקע גיין.

דערדין זיך גיך
צום ראנג פון גענעראל און קאמאנדיר,
ווי ס'פאסט
פאר א פאלקספראנט מאנטל,
וואס שלאגט זיך פאר דער ערד — קעגן דער פינצטערניש
אף איר.

ביסט נאָענט צו מיין ליב געווען
צוויי ווינטערס,
געפילט פון קאַמף און לייבאונלעבן
דעם פייערדיקן דראַנג,
האָט צווישן אונז זיך איינגעלעבט א ווארעמע אינטימקייט,
שיק איך דיך
מיט הארצוויטיק, מיט ליבשאַפט און געזאַנג.

זאָלסט מיט מיין הארץ זיך טוליען
צום חברס ברוסט, אין הייסע שלאַכטן,
מיט מיין בלוט אים ווארעמען
אין קאַלטע אפדערנאַכטן.

און ווען ס׳וועט אָניאָגן דעם שונאס פייער־טויט
בא די טויערן פון מאַדריד,
זאָלסטו קאַלטער שטאָל זיין פארן חברס הויט.
און ברענסטו,
ברען זינגענדיק מיין שפּאַניש ליד.

דער בריגאַדיר

(דעם הויפּט פון דער ביוראָ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, שייע קינדערמאַן, און אַלע אידישע בריגאַדירן.)

מיר דרוקן
מיט פרייד היינט
דיין בילד.
אין נאַקעטן שטעטל,
א באָרוועס אינגל,
אין טראַנטעס געהילט,
האָט דאָס לעבן בייז אַף דיר געבילט.

סאָלוד.

איך מעסט איצט
נאָכאַמאָל
דעם מענטש — מיט שפּאַניעם טראַגעדיע.
דאָס טראַגישע אין דיר
איז פאַר דער וועלט געווען עקזאָטישער גראָטעסק, בורלעסק, —
ניט נאָר קאָמעדיע.

סאַלוד.

מענדעלעס הערשעלע,
דיגעזאָנס יאָסעלע,
שלום־עליכמס מאָטל:
די פאַנטאַזיע פאַרשפּילט אַף דער אילוזיע
פון מעסערל, פינגערל, בערשטעלע,
ביז קלויז,
ביז מארק,
ביז קעסט,
ביז דער „באַלעבאַטישער" קאַפּאָטע.
פטור.

סאַלוד.

:: :: ::

יונגע שניידער־יאָרן האָבן רויט געבליט.
אין פּוילנס שווארצע קאַזעמאַטן;
אין מוט און מאַטער שייעס יונגקייט איז געניט,
פרייד פון פרייהייט אַף זיין פּנים פלאַטערט.

— „אַלאָ דיר, ווארשע,
בערלין — אַלאָ!" —
דער שאָטן פון די קייטן הינטער שייען שארט זיך,
איז אין יעדער שטאָט אַ פּייער־בייטש, וואָס טרייבט צוריק,
און אַ תפיסהדיקער הינטערטויער דאָ.

לעמבערג, בריסל
און פּאַריז.
שייע זוכט ניט אום דעם שליסל
צום „וואוילטעטיקן פּאַראַדיז".

שייע זוכט די קעלערן
די אונטערערדישע:
די אַרבעט צו פּאַרשנעלערן.
נאָר דער שנײַדעריונג דער אידישער
איז אייראָפּע ניט געפעלן.

אַ שטיקל היים איז אים
געוואָרן באַרצעלאָנאַ.
שייע ווערט מיט פאָלק און שפּראַך אַפגיך אַ היימישער:
אין אונטערערד
דערלערנט ער די פעלקער, די שפּראַכן און די פאָנען.
און שייע וויל אַלץ קאָנען.

איז שייע אַף די פיס,
ווען ס'פייערט רוים אַף שפּאַניע דעם ערשטן שאָס.
דאָס פאָלק ווייסט אַף געווים
אַז ס'פּאַסט אים שייעס שנײַדערישע מאָס.

לענדער האָבן זיך אין אים געצילט,
און איצט ערשט, ווייסן זיי פּאַרוואָס,
ווען זיי זעען איבער וועלט זיין בילד
און — אייראָפּע איז געבליבן מיט אַ נאָז.

די אייראָפּע וואָס איז מאַסנמענטש,
אייראָפּע וואָס איז שייע בריגאַדיר,
מיט פרייד שפּאַנט צו וואַלענציע,
מיט אימפּעט — צו מאַדריד.

און שייע, צאַרט און מילד,
גרייט־צו אַלעמען מיט ליבשאַפט און געדולד.

ער האָט געוואוסט און האָט געפילט
אַז מיט ליבשאַפט און מיט גלויבן איז זיין איראָפּע פול.

איראָפּע, ווי די וועלט די גאַנצע,
וואָס קומט פאַר אים זיך מעלדן,
פון דער טעמזע ביז דעם יאַנגטסע,
פון באָמבעי ביז די קאַנאַדער וועלדער.

:: :: ::

שייע, שניידעריונג
פון קעלער־מאַסטערסקאַיע:
מיר רופן דיך העלד,
און דרוקן
קעגן טויט דיין באַפעל.
דורך געטאָס און שייטערס און בלוטיקן שניט
ביז אַפּדערוואַך באַ מאַדריד.

סאַלוד.

מיר קוקן אויף דיין בילד
און ביאָגראַפישע ברעקלעך,
און האָבן דעם געפיל
אַז דו וועסט דערלעבן אין שפּאַניע באַם לעצטן פאַשיסט
איבער די פאַרגלאָצטע אויגן
אַראָפּציען די לעדלעך.

סאַלוד.

ועקס ברידער גייען אַף מלחמה

זעקס ברידער גייען אַף מלחמה:
דריי פלאַהערטיס, דריי שטיינס;
די לעצטע — יתומים פון פּאַגראָמען,
די ערשטע — פּאַריאַכטע באַ דער טעמזע.

צוויי משפחות פון צוויי וועלטן:
איינס אין קלעם און איינס פארפאַלגט.
צוויי משפחות העלדן,
פון מאַרטירער־פאָלק.

ס'וואונדיקט לאנג דער פרייהייט־טרוים פון אירלאַנד,
א יאָטערדיקער הויקער — דעם אידנס טרוים:
סיי דאָס שוואכע פוילן, סיי דאָס שטאַרקע ענגלאַנד
שמעקן מיט בערלין און רוים.

דער טעם פון לעבן — טעם קדחת:
פאַרן אירלאַנדער ווי פאַרן איד,
נאָר דער טרוים פון די משפחות
צווישן מעסערס פון געשיכטע דרינגט און גליט.

שטייען צוויי משפחות אין די פירענייען
און פעכטן פאַר א דריטער אין געפאַר,
און משפחות נאָך משפחות אין די שלאַכטן גייען
פאַרן חלום וואָס די דריטע גאַרט.

זעקס ברידער גייען אף מלחמה:
דריי פלאַהערטיס, דריי שטיינס:
דער גורל פון ביסקעי און פון כאַראַמאַ
וועט זיין דער גורל פון דעם ירדן און דער טעמזע.

טאָני באַם פולעמיאָט

(פון א בריוו)

(טאָני איז קליין,
א אידיש אינגל — דין און דאַר און בלאָנד.
אַז ס'קען זיין אַ העלד
אַזאַ פאַרשויין —
האָט קיינער ניט געמאָנט.)

:: :: ::

. . . מיין שטאָט האָט געשמייכלט,
און איך בין געפֿאָרן.
ניטאָ אין דעם מענטש אַף גוטסקייט קיין דוחק,
ווען דער מענטש וואַקסט
מיט די יאָרן.

און איך בין געוואַקסן
צווישן דערוואַקסענע,
אַ יונגעטשקער עקשן
אינמיטן גרויסע פּאַרעקשנטע.

פֿריער מיט פֿלוגבלעטלעך,
שפּעטער מיט פּרעסע, —
דעם מענטשן געפֿינען, געווינען די שטאָט.
דאָ, באַם לעבן אַף טראָגבעטלעך,
וואַקס איך אַלץ גרעסער,
און, אָ, ווי גרויס איך בין — באַ מיין פּולעמיאָט.

כ׳בין סערזשאַנט,
און קערעווע אַ פּולעמיאָט.
איצט, אַז כ׳האָב זיך מיטן טויט באַקאַנט,
וועל איך בעסער קענען העלפֿן
אויפֿלעבן מיין שטאָט.
ווייל טויט אין קיינעמסלאַנד
טיילט איין דאָס לעבן אַף ליבע און אַף שנאה,
דאָ העלפֿט דיר דיין פֿאַרשטאַנד
צונויפֿקניפּן די לויזע פֿעדימלעך, די דינע.

אַ מורישער דעזערטיר
פֿרעגט מיך צי איך גלויב אין גאָט,
ווייז איך אַף זיין קאָפּ
און אַף מיין פּולעמיאָט.

איך מאָל און טייטש אים ווי איך קען,
די געשיכטע קריג און בירגערקריג
אפן איבערישן פּענינסולאַ,
און טו אוים נאַקעט יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט.
איך דערמאָן אים זיין אַמאָל־אַמאָליקע גראַנאַדע,
קאָרדאָווע — די מעקאַ פון איסלאַם,
טאָרקוועמאַדאַס „הייליקן" סאַדיזם — אַף די ייִדעס אונזערע.
שפּרינגט ער אויף, ווי עם רייסט־אויף אַ פלאַם,
ווייז איך אַפן האַנט אים שפּאַניע — פון גיבראַלטאַר
ביז די פּירענייען,
דאָס לעבן פונעם פאָלק,
די ציוויליזירטע בעסטיעס —
וואָס זוכן אַלע פעלקער אַף דור־דורות צו באַצווינגען
און ס'זאָל אַ האָן ניט קרייען.

איצט לערנט ער זיך איינשטעלן דעם פּולעמיאָט,
און ווייסט דעם אונטערשייד
צווישן לעבן און לעבן
און טויט און טויט.

ווי דו זעסט: אַ גוטע שול —
אַ בלוטיקער אוניווערזיטעט.
שפּאַניע וועט אויפמאָנען פון יעדן הונט זיין שולד.
און דו — דערלאַנג דערווייל אַ ציגאַרעט.
און ביכער שיק.
אַ נאַש — וואָלט אויכעט ניט געשאַדט:
נאָכן אָפּלייגן אַף קאַלטן אַ שוואַרץ־העמדלדיקן באַטאַליאָן
איז גוט אַ שטיקל שאָקאָלאַד.

נעם ניט פאַר אומגוט
דעם פּערזענלעכן טאָן:
אַ בריגאַדיר פילט זיך גרויס —
נאָך אַ זיג אין אַראַגאָן.

אַ בריוו פון באָדין

העלאָ, אמעריקע!
מיין טייערע, ליבהאַרציקע מדינה.
ווי בײַ דיר מיין זיידע —
בין איך דאָ איצט אַ גרינער.
נאָר מעשיות האָב איך צו דערציילן אַנדערע,
ווי ס'האָט דערציילט מיין זיידע:
איך האָב מאָרגאַנען געדינט אויף פלאַנדערס־ערד,
און איצט — זיין שונא איך פאַרטיידיק.
גיי, ווייס,
אַז זיין שונא — דאָס איז מיין שיינע סינאָריטאַ, —
די הונגעריקע, באָרוועסע און פריילעכע,
אירע אַלטע טאַטע־מאַמע,
דער פישעריונג, מיין חבר, און איך אַליין.
אַז דעם זין פון דיין פראָפעסאָרס פערצן פליטערדיקע „פרידנס"־פונקטן
האָט קנאַפּע צוואַנציק יאָר גענומען מיר פאַרשטיין.
היינט, ליבהאַרציקע,
בין איך אַ גאַנצער פילאָזאָף:
צוואַנציק יאָר צווישן טראַנשיי און טראַנשיי,
בין איך דערגאַנגען צום איינציקן אמת פון צוויי מאָל צוויי.
כ'פאַרשטיי זיך אויף רייד, ווי אויף שטאָף.
שטאָף איז דאָס לעבן, רייד איז אַ מאַסקע —
פאַר די וואָס פוצן דיך אויס אין צווייאָדלערדיקער קאַסקע.
מע האָט מיר געגעבן אַ ביקס,
און געהייסן שיסן.
ליז זיינען ליז, און אויף וועלכער זייט דו ליגסט —
ווילן זיי ניט וויסן.
איצט
האָב איך מיין ביקס אַליין געקליבן.
און אויב די ליז פון די טראַנשייען בײַ מאַדריד
זיינען נאָך ניט פאַרטריבן,
ווערט אָבער מאַדריד באַשיצט.
כ'האָב שוין געדינט אין קריג און „פרידן" לעגיאָנען,

איצט בין איך — אין ערן־לעגיאָן.
כ'האָב דיר געבראַכט ווייטע ברידערס בלוט אױף פאָנען,
איצט בין איך אַליין אױף גוואַדאַראַמער בערג אַ פּאָן.
כ'בין דערזעלביקער באָדי,
פון „דהי יענקס אַר קאַמינג",
נאָר איך זינג מיט דער מעלאָדיע
פון „נאָ פּאַסאַראַן" און „פּאַסאַרעמאָס".
כ'בין דערזעלביקער יענקי,
מיט ווירדע אין גאַנג,
נאָר אַ מענטש מוז קענען דענקען,
ווען מען רוקט אים אונטער אַ געדאַנק
וואָס זעט אויס ווי פּלאַטין, —
מיט עמבלעמען באַצירט, —
נאָר ס'איז ריינער, עכטער צין —
מיט קוועקזילבער באַשמירט.
איז האָב ניט קיין פּאַריבל,
וואָס איך טראָג ניט פאַר דער וועלט דיינע מעדאַלן.
דיינע ערן־בענדלעך האָבן זיך צעדריבלט
ווען דיינע אַקציעס זיינען געפאַלן,
נאָך פּאַרדס פּרידנשיף און יודאַפּאָביע.
איצט גיי איך שלאָפן מיט מיין געליבטער,
היים צום האַרצן צוגעדריקט.
(געליבטע
רופט זיך דאָ — מינאָביאַ, —
אַזוי רופן מיר — די ביקס.)

אַ בריוו

(פון טאָם מוני לעגיאָן)

טייערער טאָם מוני:
ווי דיין העלדישקייט — איז דאָס גאַנצע לאַנד דאָ זוניק.
דאָס גאַנצע פאָלק איז דיינס —
פון די אַנדאַלוזיער ווײנגאָרטנס
ביז די אַסטורישע מיינס.

מיט ווירדע טראָגן מיר דיין נאָמען, טאַם.
היינט, אין פרייען טאָג,
גייט דיין באטאַליאָן אין שטעטל, באַם ברעג ים,
אָפּגעבן קאָנצערט ביז צוויי באַנאַכט,
ווען ס׳גייט דאָס שטעטל פּויערים אין די וויינגאָרטנס אריין,
צו באַזאָרגן ס׳גאַנצע וועלט מיט וויין.

וויין. וויין.
מיין רוקן שפּאַרט זיך אָן אין ערד־וואַנט פון טראַנשיי.
שטיינדלעך, בלאָטע
פאַלט אין קאָלנער — קאַלט.
דו — הינטער גראַטעס פון געוואַלט.
וויין. וויין.

וועלן מיר היינט צום קאָנצערט
פאַר די פּויערים פון שטעטל זינגען
פון דיין לעבן און דיין העלדישקייט אויף גאָרער ערד.

אַ בריוו פון מאַחין

. . . טאַטע, מיר געפעלט די דינע ליניע
וואָס דו ציסט
צווישן דעם מענטש אין שפּאַניע און אַביסיניע
און דער וועלטס קללה — דער פאַשיסט.

די איבונג אין דער קונסט פון מיליטער
וועט מיך ניט מאַכן ווי אַ פלאַקן שטייף:
יעדערער וואָס קומט אַהער,
ווערט בויגזאַם, ווערט רייף.

דעם אייביקן סאָלדאַט קענסטו פאַרגלייכן
צו אַ טשערפּאַכע — מיט איר אייזן־פּאַנצער.
אין שפּאַניעס פאָלקס־אַרמיי געפינט זיך ניט זיינס גלייכן:
דאָ קומט דער מענטש אריין — אַ גאַנצער.

דעם לייבס עק איז סימעטריש ווי א **רעגנבויגן,**
און אז ער דארף — ווערט ער אים א פּרענט.
די טשערעפּאַכע קען איר רוקן אין א דינעם שפּאַלט ניט בויגן,
דער לייב — ער קען.

אַלטע פּרויען צלמען זיך און בענטשן אונז,
דאָס פאָלק באַגריסט אונז מיט „סאַלוד", מיט טרערן און מיט בלומען,
דערקענסט אַזויפיל מענטשלעכעס אין יעדן וואונטש, —
ווי קען זיך פון דעם מענטש א פלאָקן דאָ באַקומען ?

נעמסט אריין אין זיך א פאָלק פון הערלעכע געשטאַלטן
וואָס האַלט זינגענדיק זיך אָן אין שאַרפסטן שאַרף פון לעבן.
ווילסטו דאָ אַף צען לעבנס זיך צעשפּאַלטן
און נאָר געבן, געבן, געבן.

איז זיי שטאָלץ מיט מיין בריגאַדע —
אַמעריקעס נייע אַרטילעריע !
אַמעריקעס, דער וועלטס — פון שנייאיקער קאַנאַדע
ביז וואַרעמער איבעריע.

היינט אין אָוונט
האָב איך דערפילט מיין ווירדע אין דעם כּבוד
צו שטיין אַף וואַך, אין אַלבאַצעט,
ווען פּאַסיאָנאַראַ האָט גערעדט.

האָב איך געלערנט ווי עס קען זיך פּאָרן
טויט מיט שטאָלץ,
ווי שיינקייט ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן :
דאָס לעבן, מיט ברייטער האַנט — באַצאָלט.

אַ בריוו פון לייבלען

דאַניאַ :
מיין איבונג — היינט פאַרענדיקט.

איך לעב אינגאַנצן איצט
מיט שפּאַניע,
נאָר פון דיר, דאַניאַ, טראַכט איך שטענדיק.

ליבע איז
גאָר אַנדערש,
ווען דו זעסט דאָס לעבן אָפן ווײנען
אויף ברענענדיקע שליאַכן
פון בילבאַאָ קיין סאַנטאַנדער.

ליבע ווערט פאַרשטענדלעכער,
נאָענטער און טײַערער,
קריכט אַרויס פון ווינקל, — איצט באַנעם איך איר:
פון עטיאָפּיע ביז בײַערן.

נעכטן האָב איך אויסגעמאָלט דײַן בילד
אין אַ מאַדרידער קעלער, הויך אויפן סופית.
שפּעטער, ווען דער טויט האָט זיך אין דיר געצילט,
האָסטו זוניק און זיכער געשמייכלט און געבליט.

דיך, מײַן ליבע,
זוכט דער שונא.
דו, מײַן ליבע,
אויף דער וועלט ביסט איינע.

דערפאַר האָב איך דעם ערשטן טאָג דאָ, נעכטן,
געזען אַ געניאַל מענטשלעך בילד:
אינמיטן מלאך־המותס טיליקן און שעכטן
האָט זיך די שטאָט געשפּילט.

דאָס האָב איך היינט די ערשטע נאַכט
גענעכטיקט אין מאַדריד.
פון בעט — ווילט זיך קוקן דורכן דאַך:
צי פליט דער שונא ניט.

אזוי — פילט זיך דאָ אַ „גאַסט".
די שפּאַניער טראָגן אין די אויגן ניט דעם טויט
און טראָגן זייער גורל שטאָלץ אַף סקווער און גאַס.
די קינדער שפּילן סאָקער בײַ די באַריקאַדעס.
אַזאַ ליבשאַפט, ווי די שפּאַניערס צו מאַדריד,
איז ניטאָ אין קיין באַלאַדע
און קיין ליד.

פאַרטאָג,
ווען ס'ראַטעוועט די זון דיך אָפּ
פון פליענדיקע נאַכט־קאָשמאַרן,
דערהערסט דעם אינטערנאַציאָנאַל
פון בריגאַדעס אַף בולוואַרן,
איז דאָס ווי דער געליבטעס קוש, וואָס וועקט דיך אויף
אין זוניקן פרימאָרגן
און עפנט אויף פאַר דיר
אַ פולן טאָג מיט פרייד.

זאָל דער שונא זיך דורך אַלע ווילדע וועלדער שפּאַרן:
ווי דיין קוש פאַר מיר,
ווי שפּאַניע פאַר מאַדריד:
האָב איך ליב: בין איך גרייט.

אַ בריוו פון העדין

. . . איך ווייס, עס פּאַסט ניט, טאַטע
שרייבן דער פאַמיליע
פון בלוט און טויט און פון קאָשמאַרן.
נאָר ביסטו אין אַ לאַנד, וואו ס'לעבט נאָך טאָרקוועמאַדאָ,
וואו עס שלאָגן זיך נאָך פאַרן לעבן
די הויף־טראַדיציעס פון יעזואיטישן קאַסטיליע, —
ווילסטו דיינע אייגענע ניט נאַרן.
דער אמת וועגן שפּאַניע איז היינט

ניט בלויז אַקסנקאַמף און זון און בלומען,
נאָר טויט און פּאָלק און פּאַסיאָנאַראַ.
און פּאָלק איז וועלט,
און וועלט ביסטו
און איך, און דאָן און יאַנקל,
און ווען דו קוקסט זיך צו —
זעסטו דאָ
דיין אייגענעם גוראַנגל.
איך שלאָג נאָך ניט,
נאָר כ'האָב שוין אַלץ, וואָס איך באַדאַרף.
און גרייט בין איך —
ווי מיין שווערד איז שאַרף.
כ'בין גוט מושטירט,
נאָר איך כאַפּ נאָך טעגלעך אַ שפּאַציר
אין די מאַראַנץ־סעדער,
און נעם פּרימאָרגנדיקע זונבעדער.

פאַרגיב מיר, טאַטע: כ'האָב פון דיר פאַרשלאָסן
דעם וועג און דעם ציל פון מיין רייזע:
אין אַ ברענענדיקער רגע קען קיינער ניט פאַרענטפערן
טויזנט פאַרוואָסן, —
ווען מ'זאָל אָן אָפּן האַרץ באַווייזן.

פאַרגיב מיר, טאַטע, דעם „לינן" מיינעם,
אַז „קיין לענין־לאַנד ציט מיך מיין געמיט":
ווען ניו יאָרק בענקט נאָך וויסרוסלאַנד און אוקראַינע,
איז דער וועג קיין מאָסקווע — אַף מאַדריד.

אַ בריוו פון דענין

. . . דער בריוו
איז שוין מיין דריטער, —
ס'הייסט: איך לעב.
מלחמה, ברודערל, איז ביטער, —
כאָטש ס'האָט מיך קיינער ניט געשלעפּט.

שוין וויפיל נעכט אין גרוב
אין גליטשיקן
ווי א קאץ געציטערט,
אין קליידער — אייזיקע, ווי בלעך.
מיר זיינען שוין פארהארטעוועט צום פייער,
נאר אין א רעגנדיקער נאכט
פילן מיר זיך שלעכט.
אויך דא איז נאך דער מענטש געוויגט צו שטימונגען,
וואס שטאמען
פון סעזאנען און פון וועטער.
רעגן
טראגט רעגנדיקע שיינקייט פארן אויג,
און בליץ און דונער־שטורעם
איז גבורהדיקע פאנאראמע,
און מוזיק איז דא אין רעגן,
ווי אין געדיכטע ביימער פאטשנדיקע בלעטער
נאר ס׳האט דער מענטש נאך פארט זיין חוש פאר שיינקייט
ניט געפארט
מיט די שיינקייטן פון הארבסט:
אין שלאכט
שטארבסטו יעדע רגע, נאר דו לעבסט!
אין רעגנדיקער נאכט, אין גרוב, לעבסטו,
נאר די וועלט גייט אונטער, און דו — שטארבסט.
און דאך, ווי איבער וואלד מיט רויך
די זון זיך לייטערט,
ווערט דא דער מענטש געצייטיקט:
דער רעגן רעגנט דאך — אף ביידע זייטן!
נאר אף דער זייט פון שונא וויינט ער:
באם שונאס זעלנער איז דער מארד א ניט געמיינטער!
און ווי ס׳איז שלעכט אין גרוב אין רעגנדיקער,
האט יעדער דא אן ענטפער פאר די פרעגנדיקע:
שוידער, מארד און גערוונברוך!
נאר דא, דער מענטש, — דורך נאכט, דורך רעגן,
טויט און פייער, —
א וועג צום לעבן זוכט.

דוד זאַרכי

דוד האָט פאַרלאָזט די קלויז
און געוואָרן אַן עקסטערן.
דער טאַטע האָט געוואָלט אַ רב אין הויז,
נאָר דוד האָט געוואָלט אַ וועלט־מענטש ווערן.

האָט ער זיין סוחרישן טאַטן געלאָזט אין נאַראַיעוו,
מיטן טרוים פון אַ זון אַ בעל־דרשן,
אַפּ קורסן פאַרביטן זיין אָמר־אביי,
בּאַ אַ פּוילישן לערער אין וואַרשע.

דוד איז טיפער אריין אין די ביכער,
שוין אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן,
אין וועלטלעכן וויסן דוד גייט פליסיק און זיכער,
נאָר זיין אידישע נאָז — איז שווער צו באַהאַלטן.

אין אידישן לעבן איז דוד געוואָרן
אַ ציוניסט אַ פאַרברענטער,
צו אַ דיפּלאָמע איז ער נאָך היבש ניט דערפאָרן,
איז אפשר קיין ציון דאָס לעבן אַ וווּנדער טאָן.

נאָר ס'בּלאָזט שוין אַ ווינט איצט אַ קאַלטער
אין טאַטנס בריטלעכער קאַסע,
דודס גוסט צו לערנען ווערט פאַרגוואַלטיקט
פון דעם, און פון שנאה צו זיין ראַסע.

און עס בּלאָזט אַ קאַלטער ווינט שוין
אין דודס אויסגעטרוימטע פּלענער:
היינט קען אפילו אַ דאַ־ווינטשי
ניט אויסשפּילן זיין לעבן בּאַ קנויטן און בּאַ שפּענער.

פאָרן בחורים און מיידלעך אַפּ קיין ציון,
ווערט דוד אויך אַ חלוץ, און פאָרט מיט.
הייבט ווידער זיין פאַנטאַזיע אָן צו בליען,
און ער וועט זיין אַ פרייער איד.

אוועק א יאָר, און דוד ווייסט שוין
אַז טרוימען ווערן דאָרט — תירוצים,
א יאָר, און נאָך א יאָר — אױף שטיינערהויפנס און פּרדסים
געבראָט זיך און געהונגערט מיט חלושע חלוצים.

און שנאה וואַקסט, און שנאה שפּרייט זיך,
און דוד זעט אין גאַס הרוגים — ווי אין לאָדזש און וואַרשע,
ענגלאַנד, פאַר אַראַבער ווי פאַר אידן גרייט זיך,
וואָס א טאָג — שלאָגט מען שטאַרקער און מען הרגעט.

און דוד זעט: דאָס לעבן וויגט זיך
צווישן טעראָריסטס קינזשאַלן און ביקסן פון בריטאַניע,
דאָס לעבן, אָנשטאָט בליען — שטיקט זיך:
צוויי צדדים — אין איין באַלאַגערטער אכסניה.

און אַזוי איז דאָך די וועלט די גאַנצע.
און דוד טיילט זיך מיט חלוצים די געדאַנקען.
נאָך בן־גוריונס, צי זשאַבאָטינסקיס פּייפעלע צו טאַנצן?
און וואָס איז מיטן פאָלקספּראַנט, און מיט פראַנקאָ?

און ווי פון אומעטום, פונדאַנען
זעט דוד מענטשן לאָזן זיך קיין שפּאַניע.
גערעדט, געטראַכט, און דוד האָט פאַרשטאַנען
תל אָביב און טראַנסיאָרדאַניע.

איצט איז דוד בא כאַראַמע,
א שטאָלצער מענטש, באַלאָדן מיט א ביקס,
„ס'האָט דאָס לעבן מיר געגעבן א דיפּלאָמע,
און שפּאַניע — צו זיך אליין א בריק."

אַזוי האָט דוד מיר געשריבן,
אין אַן איבערראַשנדיקן בריוו.
און — „אַזויפיל מאַרך און צייט צעריבן
אַן א לאָגישן מאָטיוו."

און דוד ענדיקט מיט חרטה:
און דוד ענדיקט מיט א פרייד:
„איך בין געווען א בלאָנדזשנדיקער שאָטן,
איצט בין איך א מענטש — וואָס לערנט און פארשטייט.

איצט בין איך א מענטש אָן שפעקולאציעס,
א מענטש מיט מוט — אינמיטן פון געפארן,
א מענטש וואָס ווייסט אז קרוין און קאָראָנאציע
קען איינטיילן זיין פאָלק נאָך בלוטיקער דערפארונג.

וועל איך לעבן, ווי לאנג עס וועט זיך לאָזן.
נאָר ווי לאנג איך לעב — וועל איך ביטער שלאָגן.
איך וועל דאָס שלאכטפעלד ניט פארלאָזן,
ווייל דאָ האָב איך מיין שטאנד געקראָגן."

אַ בריוו פון דזשעקן

. . . מיינע לעצטע נייעס:
כ'בין באלד געזונט, און בין פארליבט —
ס'גייט מיר אויס ס'חיות.
זי האָט ליב אמעריקע
און מיך, —
נאָר מיר וועלן שוין אויסקומען צווישן זיך.
זי רופט מיך אַמעריקאַנאָ,
און זינגט מיר אַלטע, שפאנישע באלאדעס.
וואו זי כאפט א שטיקל זייד,
שניידט זי אויס באנדאנעס,
וועבט אריין רויטע סערפ און האמערס
און פארטיילט זיי
אין די אויסלענדישע בריגאדעס.

כ'האָב זיך אָנגעלייענט מעשיות
פון מלחמה־כלות.
דארף מען נעמען און צערייסן
די ביכלעך אַלע.

איצט זע איך ווי די ביכלעך
ברענגען די בורזשויעס נוצן:
מיט מלחמה־כלות, ווייב־אילוזיעס
די טויט־פעלדער פאר דיר פארפוצן.

דורכטראכטן די פוסטע מעשיות — איז געווען מיר פרעמד,
אין שפאניע — קלייב איך זיך פאנאנדער.
האב איך די פיפיקע מעשהלעך אין דר'ערד —
פאר איין איינציק מיידל אין סאנטאנדער.

שיק איך דיר פון מיין מיידל
א זיידענע באנדאנע.
און — וויווא לא סיניאריטא!
און — וויווא לא עספאנא!

אַ בריוו פון סאַלן

מיד.
נאר ס'פאסט ניט וועגן דעם צו ריידן
אין אנגעזיכט פון פרייער,
פריילעכער מאדריד.

צום ערשטן מאל אין זיבן טעג זיך היינט געוואשן,
זינט ערשטן שאס פון לעצטער אטאקע.
פון קריג דארף אזוינס ניט איבערראשן,
נאר דיין הויט ווערט א גראבע, זאלציקע יאקע.

מיד.
נאר ס'פאסט ניט וועגן דעם צו רעדן
אין אנגעזיכט פון בראווקייט
פון פוילישן איד.

בא דיינע פיס פאלן טויטע קאמעראדן,
נאר ס'טאר ניט אויפהערן דיין פולעמיאט צו שיסן;

פליענדיקער שרעק פאַלט אַן אַף דיר מיט טויזנט טשאַדן,
נאָר ס'האַלט דיך אויף דיין אויג, זעענדיק ווי ס'פאַלן אוים פאַשיסטן.

מיד.
נאָר ס'פּאַסט ניט וועגן דעם צו רעדן
ווען איבער זון־ און בלומען־שפּאַניע
אַ „יונקער״ פליט.

דריי בראַווע ברידער — אין דערזעלבער אָפענסיווע,
צוריקגעקומען איז נאָר איינער.
שרייבט איצט צו די עלטערן אַ בריוו ער:
„איך זעץ פאָר. זייט שטאָלץ, און נאָר ניט וויינען!״

מיד.
נאָר ס'פּאַסט ניט וועגן דעם צו רעדן
ווען אַ פאָלק גייט אָפּ מיט בלוט
און לאָזט ניט אָפּ זיין ליד.

אַ שטאָט מיט נאַכט

(פון אַ בריוו)

. . . האָסט ווען געשלאָפן אין אַ שטאָט מיט נאַכט,
וואו ס'דונערט טויט — און ווייסט ניט וואו ס'וועט טרעפן?
איך האָב מיין אורלויב אין אַ מאַדרידער קאַבאַרעט פאַרבראַכט,
נאָר ס'האָט פרימאָרגנדיקע שטאָט מיין הארץ געעפנט.

צווישן חורבות
הערסט אַ קרעכץ,
דערזעסט אַ טרער,
נאָר ווערסט אַן איינגענער די נעכט:
דערקענסט דעם מוט פון לעבעדיקן פאָלק,
שרעקסטו זיך ניט מער.

שלאָף איך אין אַ שטאָט מיט נאַכט,
און זאָרג ניט, צי ס'וועט דער טויט מיך טרעפן:
איך האָב מיט שפּאַניע אַ בונד געמאַכט,
אינמיטן גיהנום האָב איך מיין הארץ פאַר איר געעפנט.

מאַדריד

(פון אַ דיכטערס אַ בריוו)

איבערן זילבערנעם דאַך
פון אַ מאַדרידער נאַכט
פליען שוואַרצע שדים,
און דיר דאַכט: דער גאַנצער הימל שטערן
ברילט,
ווי אַ ים מיט ים־לייבן אונטער דער אויבערפלאַך,
און די לבנה איז שוין טויט
און אָפּגעקילט, —
ווי פון טויט־שרעק אַ שוואַכן מענטשנס האַרץ.
נאָר מאַדריד,
מאַדריד איז אויף די פיס:
מאַדריד פאַררייסט דעם קאָפּ צום הימלדיקן בריל:
מיט פולסן ווי פּראָפּעלערס
פאָלגט זי נאָך די שלאַכט צווישן מענטשן און פאַשיסט
און זעט,
און ווייסט
ווער בעסער צילט.
און אינדערפרי
זעסטו ניט מאַדריד בײַ חורבות וויינען אויף די קני.
קינדער גאַרניזאָנען,
מיט ביקסן הילצערנע, מיט פּלעקלעך אין די גאַרטלען —
אָנשטאָט קוילן־פּאַסן —
מיט בלעכענע פאָנען פאַר טאַצן, רויטע פאַרטוכער
פאַר פאָנען
מאַרשירן אויף די אויפגעפּוצטע גאַסן.

אַרום די טויערן פון שטאָט שוואַרצע שאָטנס רייטן,
אַ פּעכיקער שטורקאַץ אין יעדער גרייווע ברענט.
טשאַרלי טשאַפּלינס בילד „מאָדערנע צייטן”
האָב איך אין מאַדריד געזען.
מיט ווירדע
און אַ בלום באַצירט

גייט דאָס לעבן אַף טאָג־טעגלעכן שפּאַציר.
גראָבקייט —
ווי אין די „גוטע אַלטע צייטן" אין אַ קריג־שטאָט —
האָט זיך די ברודנע לאַפּעס ניט צעפירט.
דאָ בורעט ניט אין מענטשנס בלוט קיין כאָאָס.
מאַדרידער גאַסן, ווי באַרצעלאָנער און בילבאַאָס
זיינען מענטשלעך טרויעריק און פרייליך.
שולן פירן סיסטעמאַטיש די סעמעסטערס.
דאָס פאָלק פייערט זיינע פאַרביקע פיעסטאַס.
זקנים שיטן קללות
אַף בערלין און רוים.
קינדער שפּילן זיך
אין יוגנטס טרוים
צו באַפרייען שפּאַניע פון קירך און קאַרדינאַלן.
דעם טרוים
הערסטו זינגען, הערסטו שטראָמען
אין שטאָט, אין וואַלד, אין וואַסערפאַלן.
מאַדריד — דעם מענטשנס שול.
מאַדריד — דער זאַמלפּונקט
פון מענטשנס איבערמענטשלעכן געדולד.
מאַדריד — פראָמעטעאוס דער גיגאַנט,
אַף העכסטן הייסן פּאָליוס פון דער ערד, לייכט און רופט:
„נאָ פּאַסאַראַן!"
און אַלע וועלדער פון די פּירענייען
ענטפערן: נאָ פּאַסאַראַן. נאָ פּאַסאַראַן.
די כוואַליעס פון מיטללענדישן און דעם אַטלאַנטיק
שטורעמען: נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן.
און אַלע אויסגוסן און טייכן פליסן
מיטן פּליעסק: „נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן!"
אַלע אָזערעס און סאַזשלקעס
וויגן זיך
אין לירישן „נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן!"
אַלע פּליסטערנדיקע קוואַלן,
מעכטיק־שלאָגנדיקע וואַסערפאַלן,
אַלע לעבעדיקע שטראָמען — שטאַרקערע און שטילע,

אַלע הייסע זונוווינטן,
אַלע קאַלטע פּראָסטווינטן,
אַלע ווינטעלעך — ווארעמע און קילע, אַלע האַגלען,
אַלע פייגלען —
אין טענער לירישע און עפּישע,
אין טענער
וואַלדיק־ימיק־שטאַטיש־סטעפּישע —
ענטפערן דעם ליכטיקן גיגאַנט: נאָ פּאַסאַראַן!"
„נאָ —— פּאַסאַראַן!"

שפּאַניש וויגליד

ס'פּייפט דער ווינט,
דורך אונזער דאַך,
הימל צינדט
זיך אָפּ דערנאַכט.

קינד מיינס, קינד,
אַפּניך שלאָף איין.
זאָל דער ווינט
דיר זיין ווי וויין.

וואַלד און פעלד
דער טויט פאַרהילכט.
מאַמעס קוועלט
ניט מער קיין מילך.

טאַטע איז
אין שלאַכט אַוועק.
מאַמע וויגט
אַ וויג מיט שרעק.

קאַרן, ווייץ
וואַרט אַפן שניט.

טאַטע שטייט
הינטער מאַדריד.

שרעק זיך ניט,
מיין טייער קינד:
טאַטע היט
מאַדריד פון הינט.

טאַטע היט
דיין ליבע שטאָט
פון פאַשיסטס
פאַרסמטן טראָט.

קינד מיינס, קינד,
אַנטשלאָף איין.
זאָל דער ווינט
דיר זיין ווי וויין.

די אַסטורישע בלום

אַן 18-חדשימדיק מיידעלע, וואָס קען ניט אָגעבן קיין שום אינפאָרמאַציע וועגן זיך, ווען די מיליץ געפינט איר צווישן די פאַר-לווירענע, קען אָבער בייל̈ן איר פויסט און זאָגן: „סאַלוד!" — נייעס.

מיט קליינע בלומען אין איר קליינעם גאָרטן
וואַקסט די קליינע דאָלאָרעס אַף די בערג.
די אַסטורישע בלום קען נאָך קיין וואָרט ניט,
נאָר ס'גרעסטע וואָרט איז איר צוערשט באַשערט.

רווישנדיקער טויט איבער די בערג איז אָנגעפלויגן, —
דאָלאָרעס טאַטע יאָגט אים נאָך מיט דינאַמיט.
די מאַמע האָט דאָלאָרעסן דאָס לעצטע מאָל געזויגן
און ס'האָט איר ברוסט אַרויסגעגליטשט זיך אינדערמיט.

טויט האָט דורכגעבראָכן אַלע ווענט און דעכער,
טויט יאָגט דער מאַמען מיטן קינד דורך שרעק
פון פולער שטאָט מיט מאַמעס, וואָס זוכן רעטונג־לעכער.
און דער טויט לאָזט דאָס לעבן ניט פון פלעק.

טויט רייסט־אויף די גאַסן אין ברענענדיקן פלאָנטער,
ס'פלאַצן מויערן — ווי מאַמעס גלייכגעוויכט,
דער טויט האָט מאַמעס האַרץ און פּיס אין שרעק געפּענטעט,
דאַלאָרעס לויפט און לייכט אין העלישן ליכט.

און ווען דער טויט האָט זיך פאַרטאָג צוריקגעצויגן
און שטאָט מיט לעבן ט'זיך געוויכערט איבער בערג,
האָט זיך מיליץ געטראָגן דורך ברענענדיקע שטויבן
און אויפגעכאַפּט די קינדער פון חורבה' און פון סקווער.

די קליינע בלום דאַלאָרעס בליט אין פלאַמען.
נאָמען און אַדרעס — וויל וויסן די מיליץ.
דאַלאָרעס ווייסט ניט דעם נאָמען פון איר מאַמען,
איין וואָרט בלויז פון די ליפּלעך בליצט:

— „סאַלוד!"

אַף אַלע פראַגן האָט זי נאָר איין ענטפער,
איין וואָרט — דאָס וואָרט פון טאַטע־מאַמעס מוט:
טאַטע־מאַמע — אין קיינעמסלאַנד — פון וועלט דערקעגטע, —
דאַלאָרעס הויבט איר הענטל, ענטפערט וויינענדיק: „סאַלוד!"

אַ בריוו פון אַ קראַנקנשוועסטער

(די אַמעריקאַנער קראַנקנשוועסטער אין די
פעלד־שפּיטאָלן פון שפּאַניע)

. . . עס שמעקט
מיט טאַפּאַל און מיט טויט
אין מיין שפּיטאַל.

עס ברענט
דער וואַלד.
עס בליט
דער וואַלד.
און דאָס לעבן זינגט אַרויס פון יעדן
שטאַרבנדיקן קול.

די נאַכט
זײַנען פיר מענטשן אין מײַן טייל געשטאָרבן.
(פאַרן טויט — רעדן אַלע נאָר פון מאָרגן).
איינער — אַ מײַנער אַן אַסטורישער,
דער צווייטער — אַ יעגעריונג אַ מורישער,
דער דריטער — אַ יונגער חסיד פון סיגעט,
דער פערטער — אַ דײַטשישער פּאָעט.

דער מײַנער: „ניין, מיר שטאַרבן ניט:
אונזער טויט איז — דינאַמיט."

דער יעגעריונג: „איך ווייס,
איך האַלט שוין באַם קראַפּירן:
די מורן, אַלע מורן
מוזן דעזערטירן."

דער חסיד: „צו גאָט און לײַט"
האָבן געוואָלט ברענגען מיך די זיידעס,
אַ, איך בענטש די גרויסע צײַט,
וואָס האָט געלערנט מיר ווי זיך צו שלאָגן
פאַר אָפענע טיר און טויער צום ערדישן גן־עדן."

דער דיכטער: „דער גיהנום איז געשאַפן,
ניט פון גאָט און ניט פון דאַנטען:
צעשטערט די העל! שפּאַניע:
אַ—דע—לאַנ—טע!"

מיר דאַכט: דאָ זײַנען אַלע דיכטער:
אפילו די וואָס שטאַרבן

גייען אַלע אויס
מיט פּאַטעטישע געזיכטער.

יעדע רגע נעמט דיך דורך פון טויזנט טויטן די אַגאָניע.
נאָר צווישן טויט און לעבן (אָ, וואונדערלעכער פּאַראַדאָקס):
האַרמאָניע:

ווי שיין ס'איז סאַן סעבאַסטיאַן,
ווי זוניק — אַנדאַלוזיע, —
אַזוי לייכט אין מענטשן שפּאַניעס מוט
אויף יעדן שפּאַן,
און שפּאַניע'ס זיג איז ניט אַ פּאַטריאָטישע אילוזיע.

אין האַרצן, באַ די בעטלעך, — וויינסטו
שטילערהייט,
און ווייטיקדיק דערפרייסט זיך
פון די לעצטע רייד.

האַלטסטו יעדערן באַם האַנט דאָס לעצטע מאָל,
און ער און דו און טויט ווערן ברודערלעך אינטים;
און ווי פאַרגייענדיקער קלאַנג פון מעלאַנכאָלישן פיאָל
גייט אויס דער לעצטער טאָן פון מענטשנס שטאַרבנדיקער שטים.

מע קען דאָ שרייבן
גאַנצע בענדער
פון העלדישע מעשים — וואָס קלינגען ווי לעגענדעס.

דער וואַלד
ברענט.
דאָס לעבן
ברענט.
כ'האָב מענטש דערקענט דורך יעדער שפּראַך און פאַרביקן אַקצענט.
און — יעדנס שטאַם איז
אין פאָלקס זינגענדיקער שפּאַניע.
און אויב לאָזן דאָ מיין לעבן וועט מיר זיין באַשערט, —
האָט די ליבע מענטש־דערקענטעניש
טויזנט מאָל מיין לעבן ווערט.

אַנדאַלוזיער לאַנדשאַפט

(פון אַ מאָלערס אַ ברייוו)

שפּאַניע — שיינקייט
פון אַ טויזנט קאָלאָראַדעס, —
איז די טעמע
פאַר אַ בלוטיקער איליאַדע.

גאָלדענע פעלד־בלומען — בלאָנדע עופהלעך
איבערגעפאָרענע,
קאָפּ אַף קאָפּ, ווי די יונגע הייסע מתים —
האַלדזן זיך,
ווי פאַראורטיילטע געליבטע
וואָס שטאַרבן איינגעקלאַמערט אין ליבעס לעצטער רגע.

אַ וואַלד מיט צווייגן הענגען
האַלב־פאַרבראָכענע — אַן אַרמיי מיט אָרעמס
אָפּגעשאָסענע —
אַ וואַלד ברענענדיקע צווייגן וויגט זיך
איבערן טאָג מיט טויט צעליינט אַף הייסן פעלד,
וואָס אָטעמט
מיטן לעצטן, שווערן פּולס
פון אויסגייענדיקן לעבן.

די זון
שטייט איבערן פעלד
און קוקט
ווי גיך
מע וועט אויפקלייבן די טויטע.
אַף יעדן שלאַכטפעלד און בית־עלמין שטעלט די זון זיך אָפּ.
אויב די זון דערוואַרעמט הערצער פון געליבטע
אַף בולוואַרן און אין סעדער,
איז זי דאָ — דאָס פייערדיקע,
פּירנדיקע אויג פון גיהנום:

„גיכער, גיכער
ליידיקט אָפּ דאָס פעלד —
מאַכט אָרט פאַר יענע!"

א היינטיקן מאָלער אין שפּאַניע
גייט ניט אָן דאָס אַמאָליקע מאָלן.
אַנטיקן
זיינען מער ניט קיין טעמע:
אין חרובע טעמפּלען ליגט אַשיק צעשאָסן
די אַלטערטום־מאַניע,
די טעמע איז — טויט אַף די בערג, טויט אין די טאָלן,
ברענענדיקע בריקן,
וואָס הימל־פייערן צענעמען
און לעבנס גראַנגל אין די פעלד־שפּיטאָלן.

הפקר —
דאָס איז טויט.
פאַרזיכט —
דאָס איז לעבן.
געפינסטו זיך — צווישן די צוויי,
ווייסטו וואָס צו נעמען,
און וועמען וואָס צו געבן.

איך זע איין בילד איצט פאַר זיך שטענדיק:
אַף יעדן נייעם לייוונט
וועט מיין לייזונג — אין דעם בילד זיך ווענדן:
אין רויכיקע אַטעליעס, אַף יענער זייט פון לעבן,
ביז שפּעט באַטאָג — שלאָפן אָרעמע עסטעטן.
און — לאַנגזאַם, לאַנגזאַם הייבן זיך קעפּ איבער פּאַראַפּעטן.
ראַשיק שפּרינגען בריגאַדעס אַרויף
פון טראַנשייען.
די שמעקנדיקע ערד עפנט טויזנט נייע קברים יעדע נאַכט,
און די זון
קומט יעדן טאָג
צו אַלעמענס לויה.

אַ בריוו פון אַ שוישפּילער

. . . מיר זיינען געוואוינט געווען צו טעג ניט זיכערע,
וואו דאָס לעבן איז שיין — אין ראָמאַנטישע ביכער.
דער „טאַנץ פון טויט״ איז דאָ אַ גיכערער,
נאָר דאָס לעבן איז דאָ האַפּערדיק און זיכער.

אונז איז פריילעך דאָ מיט די פּאַשיסטן.
אין די נעכט רופן מיר זיך איבער.
וואו חברשאַפט און ליבע העלפט ניט — שיסט מען.
נעמט די לעבעדיקע ערד — אָדער די טויטנגריבער.

לויטערע טעג פליען ווי צעצונדענע באָמבעס,
און טעג מיט וואָלקנס — ווי טייכן גאָזן פליסן.
די זון — אַ פייערדיקע פלאָמבע:
שטעמפּלט טויט מיט לעבן — וואו לעבן איז געוויסן.

מיר זינגען, און לאַכן דעם טויט אין די אויגן,
ווען מיר וואַרטן צו קריגן אַ ביקס — פון אַ טויטן:
פעלן־אויס ביקסן — איז אַ ניגון פאַרצויגן,
דורך טויט — אין לעבן אריין זיך באַגלייטן.

מיר קענען זיך מיטן טויט פּערזענלעך,
ער עסט דאָ מיט אונז פון איין שיסל, —
ווי צוויי טראָפּנס — איז ער צום לעבן ענלעך:
ווען מען נעמט אים אין אַטאַקע אַף פּאַשיזם.

אין קיינעמסלאַנד גייט מען ניט שפּאַצירן,
חתן־כלה טרוימען דאָ ניט קיין פאַנטאַזיעס:
ארמייען מיט מוזיק צו לעצטע פייער־חופּהס פירן
בעטלער נויט און קיניג טויט — פון אייראָפּע און אזיע.

מיר זיינען אַף דו מיט די געהויבענע חתן־כלה:
ס׳איז גוט, אינטים פאַר שוואַרץ־באַדעקנס זיי צו דוצן,
ווי מחותנים מיט טויטנקרענץ אינטערנאַציאָנאַלע
צו דער ליכטיקער חתונה זיי פאַרפּוצן.

מע שיקט אונז מזל־טוב אין אַלע שפּראַכן,
פון אַלע עקן קומען צו אונז גרוסן.
שפּאַניעם טאַטע־מאַמע — פּאַסיאָנאַראַ־מיאַכאַ, —
ווען לעבן ליגט צוקאָפּנס — וועט ניט נורען טויט צופוסנס.

שיק איך אייך אַ גרוס פון פעלזנפעסטן גוואַדאַראַמאַ,
פון געליטערטער אין שלאַכטן — באַרצעלאָנאַ.
מיר טראָגן אין קאַמף דאָס הארץ פון אונזער מאַמען
און ברענגען צוריק — דאָס לעבן אַלס מתנה.

וואַכזאַם וואַכט די וואַך בײַ אַראַגאָן.
זיכער בלאַנקען זעבלען בײַם שפּאַנישן ווערדון:
אַראָפּרייסן פון וועלט די טויטן־פּאָן,
אָפּשטעלן דעם שונא — איז מער וואונדער, ווי אָפּשטעלן די זון.

מיט מיליאָנען־האַלז פון רויטאַרמייער שבועה
לעבן לעניגען, דעם ערשטן מאַי,
צעקלינג איך פון די הייסע בערג דעם פאָלקס נבואה, —
שטיי איך אױף מאַדריד־טורעם און שריי:
נ אָ פּ אַ — ס אַ — ר אַ — אַ — אַ — אַ אַ ן!

טאַמיס געבערטאָג

(פון אַ בריוו)

היינט איז מיין געבערטאָג.
ווער וואָלט אים, אינמיטן פעלדער טויט, געדענקען?
ווען ניט דער גרויסער גורל, אונז באַשערטער, —
וואָס האָט אַן אָרעמאַן
נאָכן יום־טוב פון געבערטאָג גאָר צו בענקען?

צוואַנציק בין איך היינט,
נאָר איך פיל זיך גרעסער, עלטער, גרויס.
אַ אינגל, יאָ, נאָר אין מיין פעסטער, ביינערדיקער פויסט
האַלט איך, בײַם גאָרגל
לעבנס ביטערסטן און לעצטן פיינט.

וואָס איז אַ געבערטאָג?
לעבסט און וואַקסט און מיינסט דו ביסט אַ חכם.
ביז דו פאַלסט אריין אין לונאַ פּאַרק,
און דיין אילוזיע איז אַ צעשמעטערטע:
אין קאַמער קרומע שפּיגלען
ווערט אַלץ וואָס יום־טוב — אינדערוואָכן,
פון גלייכן, דינעם האַלז — ווערט אַ גראָבער, קורצער קאַרק,
דיינע וועלט־פאַרכאַפּנדיקע טרוימענדיקע הענט
זיינען קאַטשערעס — ניט פליגלען.

צי איך היינט אַ פּאַראַלעל
פון מיין פאַרכמאַרעטן האַרצעם ביזן ליכטיקן הועסקאַ:
געמיינט האָב איך, איך בין אַף ברייטן שליאַך צו וועלט,
ערשט ס׳איז אַ קרומע, פאַרפּירנדיקע סטעזשקע.

געוואַקסן
צווישן קרעפּ־קינצלער
און קאָמוניסטן.
ווי האַרצעם, איז דאָס לעבן פון די ערשטע פינצטער.
ווי אַ פּעסט — האָב איך די צווייטע אויסגעמיטן.

כ׳בין געפאָרן — גלאַט,
צוליב אַפּאַטיע
און אַוואַנטיורע,
און ס׳האָבן אַפן וועג מענטשן מיך דערקלערט ווי אַ דעמאָקראַט,
נאָר וואָס ס׳איז דעמאָקראַטיע
האָב איך דערוואוסט זיך ניט אין האַרצעם, נאָר אין אַסטוריע.

בין איך אַ קאָמוניסט — צו צוואַנציק.
אויסגעוואַקסן אין געפאָרן אונטער באַדאַכאָז.
און אויב כ׳האָב ניט געקענט די פּאָליטיק אונטער דער נאָז,
קען איך איצט די פּאָליטיק
פון בורגאָס, רוים, בערלין און דאַנציג.

פייער איך אינמיטן פייערן
מיין דערוואַקסענעם געבערטאָג

צווישן פריינט פון הארלעם, שאָטלאַנד, שפּאַניע און בייערן.
פּייער איך און פריי זיך,
אַ אינגל, יאָ, אין נעכט אין רויביקע, אין טויטלעכע,
אין טעג אין בייזע
בין איך אַ מאָל געוואָרן אין מיינע אינגלדיקע יאָרן.

בין איך אַרויס פון שימערירנדיקן אילוזיע־טשאַד,
אַרויס — פון קאַמער קרומע שפּיגלען:
כ'בין שטאָלץ מיטן יונגן לעבן אין געפּאַר: איך בין אַ דעמאָקראַט,
און מיינע הענט
זיינען זיכערע
אָדלערישע פליגלען.

דער אַמבולאַנס־טרייבער

(די שאָפערן פון מעדיצינישן אָפּטייל פון
דעם לינקאָלן־באַטאַליאָן)

באַגינען. זומער־פעלדער זינגען
מיט וואַרעמהאַרציקייט פון מאַמע ערד און ברויט.
אין יאָג, באַהאַלטנדיק זיך צווישן פעלדער זאַנגען,
אַנטלויפט אַן אַמבולאַנס פון טויט.

דער אַמבולאַנס קומט אָן פון ערשטער ליניע.
אינעווייניק — לעבן בלייכט, און טויט איז רויט.
צווישן ראָד און טרייבערס האַנט צוויי שונאים מינען:
גיכער! — בעט דאָס לעבן; פּאַוואָליע — גרילצט דער טויט.

ווער גייט אויס, ווער קומט צו זיך, ווער פיבערט
אין גורלדיקן קריזיס אונטער ברענענדיקער הויט.
דער טרייבער איז דאָ אָנפירער פון לעבן,
יאָגט שטאַרקער זיך נאָך אים דער טויט.

הויך איבערן שליאַך געיעג־הינט ווילדע יאָגן:
צילן שטראָמען פייער אַפן רויטן קרייץ.
ס׳קען דער אַמבולאַנס שנעלער זיך ניט טראָגן,
כאַטש דאָס לעבן פלינקער איז פון טויט.

זינגען זאַנג־פעלדער זומערדיקס און זוניקס.
דעם טרייבערס ברוסט ברענט סמענדיקער שרויט.
נאָר ס׳מוז זיין אַמבולאַנס צום פעלד־שפּיטאָל קומען! —
און — שטאַרבנדיק — יאָגט ער אַריבער דעם טויט.

זינגען זאַנג־פעלדער זומערדיקס און זוניקס:
אין שפּיטאָל־הויף דער טרייבער — ווי אַ מאַדרידער טאָג פאַרגייט.
זינגען זאַנג־פעלדער זומערדיקס און זוניקס:
דער אַמבולאַנס האָט אָנגעיאָגט דאָס לעבן — צווישן טויט און טויט!

אַ בריוו פון אַ כירורג

(דאָקטאָר באָרסקין, דעם אָנפירער פון די
אַמעריקאַנער שפּיטאָלן אין שפּאַניע, און
די דאָקטוירים וואָס אַרבעטן מיט אים.)

. . . מענטשן. מענטשן. מענטשן — ווייטיקן
הילפלאָזע פּעק.
אַ ווינקעלע ניטאָ אַ ליידיקער,
דאָס לעבן — מיט די גערערים אויפגעדעקט.

כ׳בין פערציק שעה אָן רו
אין דריטן פעלד־שפּיטאָל,
נאָר וואָס בין איך, און וואָס ביסטו,
ווען צווישן בערג פון טויט
דו דינסט אין לעבנס־טאָל.

אין דעם טאָל פון איילבירטן
דאָס גאַנצע לעבן קערט צוריק — אַ האַלבס,

נאָר יעדער אַפּעריטער
וויל צוריקגיין באַלד.

א האַרץ קען דאָ זיין אַ ים טויט,
נאָר די כוואַליעס זיינען שווינגענדיקער מוט:
ווען פון שטעכיק דראָט דער העכסטער פּלויט
ניט שטערן שפּאַניעס מאַרשרוט.

א נאַכט
איז אַ וואַלד שלאָפלאָזיקייט,
נאָר ווען דו באַנדאַזשירסט אַ קאָפּ,
איז ווי דו וואָלסט מיטן באַנדאַזש די גאַנצע ערד אַרומגענומען,
די ערד, די וועלט —
וואָס איז מיט לעצטן טויט און פרייהייט אַפּדערצייט.

וואָס איז רו און שלאָף,
ווען ליכט־פאַרוואונדעטע, אין פעלד,
אַליין זיך באַנדאַזשירן,
צו קענען ווידער באַלד דעם שונא אַטאַקירן.

טאָג און נאַכט ווערט דאָ
ניט פון דער נאַטור געביטן:
טאָג און נאַכט איז דאָ —
נאָכן צושטאַנד פון געמיטן.

דאָ היילן מיר דעם אָפּשטאַם
פון אור־קרבנות,
זע איך אויף יעדער וואונד אַ זון,
אויף יעדן פּנים — אַ לבנה.

איז יעדער שניט פון מיין לאַנצעט
א לעבנס־שטראַל פאַר מענטשנס וואונד,
און אין אַ וועלט פון שניידנדיקע ווייטיקן איך זע
ווי ס׳ווערט דער מענטש געזונט.

דאָס אינגל ראַמאָן

(די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער
אין שפּאַניע)

שפּיטאָל איז פול.
פולער פון דעם וואַלד.

געפּאַר איז גיך.
גיכער פונעם שטערנפאַל.

כירורג איז פלינק.
פלינקער פון שראַפּנעל.

פון אַלע — פלינקער איז
ראַמאָן פון טערועל.

אין מורא פאַר סעקונדן
וואַרטן טויזנט וואונדן.

שניידן, בינדן די כירורגן:
ס'זאָל דער טויט ניט דורכגיין.

א הונגעריקער הונט —
דער טויט — גיזוכעט זשעדנע יעדע וואונד.

אומגעדולדיק ברומט דער וואַלד:
— „נו, וואו, נו, ווען; אהער־אהין — אַט, באַלד!"

דער הונט פאַרגייט זיך אַף א קבר־קול,
מיט וואַי פון פייער־פליענדיקן שטאָל.

כירורגן — אין געיעג מיט די געפאַרן:
דער הונט יאָגט די מידע סאַניטאַרן.

וואַרטן ווייטיקן אין וואונדן
אין מורא פאַר סעקונדן.

אַף ראַמאָן, דעם זעכצניאָריקן,
גיריק קוקט דער הונט, דער האָריקער.

און דאָס אומגעדולדיק אינגל
דערטאַפּט אין קעשענע זיין שאַרפן קלינגל.

פלינק — פון קוילן פלינקער —
פילט ראמאַן זיין מעסער זינקען

אין מוסקול פון זיין אָרעם: ווי אַ שפּאַן —
רייסט די קויל פון פלייש — ראמאַן.

הילכט אינגלשע פרייד איבערן שפּיטאָל:
אין גיהנום — טריאומפירנדיקער קול:

צעבלוטיקט, שטרעקט ער אויס זיין האַנט:
— „מעדיקאַ! סאַלוד! — נאָ פּאַסאַראַן!"

אַ בריוו פון אַ סאַניטאַר

. . . כ'בין אַ סאַניטאַר.
איז מיין אַרבעט — ראַטעווען דאָס לעבן.
איך כאַפּ
און טראָג
און האָף
דורך טאָג און נאַכט און זון און רעגן.

איך זע
ווי די וועלט גייט אונטער
מיט יעדן זאַלפּ,
ווי אין ערד אין אויפגעריסענער קוליעט זיך אַריין
דאָס לעבן,
ווי אַ כוואַליע אין אַ פעלזנשפּאַלט.

טראָגסט דאָס לעבן דורך רויך און פייער,
אונטער אַ הימל — רויכערדיקע וואַטע,
מיד. דיין לעבן האָט די ווערט
אַן אַלטן דרייער,
נאָר ס'טאָר אַ סאַניטאַר
ניט ווערן איינגעמאַטערט.

קענסט ניט גינען זיך קיין אפּרו,
דיין געהער באַהאַלטן
אונטער פּאַראַפּעטן,
ווען נאָך די איינגעשטילטע זאַלפּן
הערסט אַ שלאַכטפעלד הילפלאָז לעבן
בא דיר און בא דעם טויט
זיך בעטן.

טראָג איך
מיט אימפּעט און געדולד
דעם גורל
פונעם מענטש באַם טראָג־בעטל.
מיט יעדער רגע רו
וואָלט איך געפילט אַף זיך די שולד
פון אַ גרעסער טויטנצעטל.

אַרבעט איך, און האָף
אַז איכ׳ל ביזן לעצטן שאָס
צווישן טויט און לעבן דינען אַף מיין פּאָסטן.
כ׳בין שטאַרקער פון געפאַר
און טויט
און צער:
איך טראָג מיט פרייד די ווירדע פון אַ סאַניטאַר, —
איך האָב די גרויסקייט פון דעם מענטש
אַף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע אָפּגעמאָסטן.

אַ שטאָט מיט קינדער אַף דער זון

(ווען די פאַשיסטן זיינען אַריין אין מאַלאַגאַ, האָבן זיי, מורא האָבנדיק פאַר אַ קאָנטר־אַטאַקע, געכאַפּט קינדער פון דער שטאָט און זיי צוגעבונדן הויך, אַף די פּאַראַפּעטן — די לעגיאָנערן זאָלן ניט קענען שיסן.)

אַ שטאָט מיט קינדער
אַף דער זון —

און זינגען ניט.
כּאָראַלער קינדער־קול, וואָס ברעכט־אויף, ווי זון
דאָס אייז אַף טייכן —
די הימל־שטילקייט פֿון באַרג און טאָל
מיט שפּיל און לידער פֿון די אָרעמע קוואַרטאַלן —
הילכט ניט אין מאַלאַגאַ.

אַ שטאָט מיט קינדער
אַף דער זון —
און זינגען ניט.
אַ שטאָט אַזאַ
האָט איר זעל אונטער גליענדיקע ריגלשלעסער
איינגעשפּאַרט;
ווען ס׳טראָגט זיך ניט דורך איר די קינדער־פרייד
פֿון לידער־פעסט כּאָראַלן —
די שטאָט איז אין געפאַר.

אַ שטאָט מיט קינדער
אַף דער זון —
און זינגען ניט.
אין פייער־שטורעם
הערט מען ניט די דינע ליריק פֿון קליינע, פּערלדיקע
וואַסערפאַלן,
און שמעטערלינגען שווינגען ניט
אַף די זיידענע כוואַליעס פֿון אַנדאַלוזיעס זומערווינטן,
און ס׳בויגן אָן די קעפּלעך
פּעלדער זונגלעקלעך און היאַצינטן.

אַ שטאָט מיט קינדער
אַף דער זון —
אויפגעשפּיזט אַף פּאַראַפּעטן!
רוים — דאָס הויז פֿון גאָט
און גאָטס פּראָפעטן!
רוימס אַרמיי פֿון אַנגעלישע טאַטעס: נאָכן בראָך,
ווי וועלן זיי די קינדער זייערע
האָלדזן און גלעטן?

אַ שטאָט מיט קינדער נעענטער צו זון דערהייבן:
דעם טויט, דעם טויט דעם זיכערן בעסער
צו קוקן אין די אויגן,
און די זון, די זון איז
מיט אַ שוואַרצן וואָלקן ניט פֿאַרצויגן.
בלאָנדע קעפּלעך בליצן־אויף
און ווערן ווייס.
און ווער עס איז נאָך ניט אַ יונגער מת,
איז אַ וואַנזיניקער גרייז.

די שטאָט מיט קינדער
אויף דער זון —
דערהייבענע צום הימל — אויף די שפּיזן,
וועט אויפשיינען אויף אַלע ווענט —
פֿון וואַטיקאַן
ביז טורעם פּיזאַ.

וואַלענציע

דאָס לעבן אויף פּלאַץ קאַסטיליאַר,
אין בלי און בלענד פֿון פּאַלמעס און פֿאָנטאַנען,
אין אַ רגע — ווערט אין קעלערן פֿאַרשפּאַרט:
טויט פֿליט איבערן שטאָט אויף הונדערט עראָפּלאַנען.

די ליכטיקע וואַלענציע ווערט פֿינצטער:
לאָדן שליסן־אָפּ דאָס ליכט פֿון לעבן — פֿונעם שונא.
דערוואַרטונג פֿון אומדערוואַרטן טויט פֿיבערט אין די פֿינגער:
שטוב און שול און גאָרטן ווערן אַ בוינע.

ווי אַ מיראַזש, וואָס פֿאַלט אַריין אין ים, —
פֿאַלט אַריין די פּאַלמען־שטאָט אין נאַכט.
הימל, וואָס ברענגט ליבן טאָג, ברענגט טויטן־סם,
פּראָפּעלערס הירזשען — ווי אַ סקאַדראָן טייוואָלים לאַכט.

וואַלענציע, אינמיטן טויט, רעדט הילכיק
צום „יושר“ פון דער וועלט, וואָס באַהאַלט זיך אין זשענעווע.
די „לעגענדאַרע“ שטאָט ענטפערט — ניט פאַרעוו און ניט מילכיק,
איריקע, אין מזרח און אין מערב, האַלטן די טראַדיציע פון סאַראַיעוואָ.

עס שמעקן אין וואַלענציע מיט רויך און טויט די פאַלמען,
נאָר מיט שטימונג פון לעבן שמעקט — אינמיטן פּאַניק.
וואַלענציעס גאָרטנס, וואָס שמעקן מיט בית־עלמין,
וועלן בליען בלענדיקער ווי זון — אין פרייער שפּאַניע.

דער וועג קיין סאַנטאַנדער

דער וועג קיין סאַנטאַנדער
איז ניט מיט בלומען אויסגעבעט,
נאָר מיט טראַדיציעס פון פלאַנדערס, —
ווערט יעדער לעבנסוועג
אַ מײַלן איבער מײַלן טויטנבעט.

דער טויט פליט
איבער בילבאַאָ,
לאָזן זיך זיידעס, מאַמעס און קינדער
אַף באָרוועסן וואַנדער.
ציען זיך האַלבע משפּחות — מידע און גראָע,
יאָגט־אָן זיי דער טויט
אַפן וועג קיין סאַנטאַנדער.

דאָס לעבן לויפט
און טויט לויפט נאָך:
לעבנס פליענדיקע „שוץ־מלאכים“ אין ריטמיש־געפאָרמירטער ריי.
דאָס לעבן לויפט
און טויט לויפט נאָך:
יאָגן רויטע שטראָמען אין גרינעם אויסגוס פון ביסקעי.

איז דער וועג צום לעבן — דער סאַנטאַנדער שליאַך —
אַ מײַלן איבער מײַלן קאָנווייער־בית־עלמין:
די נירעמבערג־קולטור גענײַאל איז
אין איר פאַך,
בלײַבט דאָס יונגע לעבן, אָנהייב וועג —
אָן אַלמן.

דער וועג קיין סאַנטאַנדער
לויפט דורך לעבנס אַלע ווילדע וועלדער:
דער מענטש — פון אייביק איז אין טויט
אָן אײַנגעשפּאַנטער:
אף יעדן רעטונג־וועג
וואָס פירט צו רעטונג ניט
זײַן לעבן איז אָן אײַנגעשטעלטער.

שרעקט אים
יעדער רעטונג־שליאַך —
פון פּאַרצייטיקער מעסאָפּאָטאַמיע ביז אַליקאַנטע.
נאָר דער טויט פון די שליאַכן — אין שפּאַניע דערוואַכט:
דאָס איז דער לעצטער, לעצטער טויט —
אפן וועג קיין סאַנטאַנדער.

שפּאַנישער פּייזאַזש

אינמיטן אַ ניו יאָרקער טאָג —
אַ בילדער־גאַלעריי,
מיט שפּאַנישע פּלאַקאַטן:
איצט זעט מיר יעדער מויער אויס — אַ געפּאַנצערטע טראַנשיי,
מײַן שטאָט — אַ באַלאַגערט קיינעמסלאַנד.
אין האַרצן שלאָגט דער פּולס פון שפּאַניע,
פילם איך שטאָט נאָך שטאָט
אפן ניו יאָרקער הימל־עקראַן
און פרײַ זיך,

וואָס חוץ מאָרגאַנ׳ען לעבט וואָלט וויטמאַן דאָ,
דזשאָן בראַון,
סאַקאָ און וואַנזעטי, שעכטער און בען ליידער אין די שטאַטן.

אַטאָמאָבילן פאָרן —
פאַר געשעפט און אַף שפּאַצירן,
זע איך אין זיי טאַנקעס —
טויט אַף אונזער לעבן פירן.
אין יאָרקוויל זע איך בורגאָס,
אין לאָנג־איילאַנד — סאַלאַמאַנקע,
אין שויפענצטער די זייד־זאַכן
פאַרוואַנדלען זיך אין בלוטיקע באַנדאַזשן.
די טראַגעדיע פון שפּאַניע — די טעמע
פון די בילדער און פּלאַקאַטן
זע איך אין די אומשולדיקסטע פּייזאַזשן.
די גאַלעריי — די גאַנצע שטאָט.
בלוט פון שלאַכטפעלד — אין יעדן טראָט.
און באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל
אַ „שטיל־לעבן״
פון יאַסמינען, אָרכידייען —
זע איך שפּאַניעס ברענענדיקע זון־אָראַנזשערייען.
אַפן האָדסאָן זע איך שווימענדיקע בילדער טויט פון מאַנזאַנאַר,
און אונזער זומערדיקער סטאַדיום
דער טויער איז
צום היסטאָרישן אַלקאַזאַר.

PASCUA DE FLORES

(בלומענפעסט)

ניט נאָר די רויטע רויז —
אַלע
בלומען
בליען האַיאָר רויט
אין אַנדאַלוזיע.

ס'איז קיינער ניט פארבלענדט
פון קאָליר־אילוזיע:
רויטע לעבנטראָפּנס האָט זון און זעבל איינגעברענט
אין אַלע אַלקאָלירטע קנאָספּן:
אַף בלומענפעלדער גייט־אויף רויט
פרימאָרגנדיקע בלאָע ראָסע.

דאָס פאָלק בויגט אינדרייען זיך און זייט,
און דרעשט,
דאָס פאָלק האָט ניט קיין יאָר־יום־טוב פון ברויט,
נאָר ס'האָט דאָס פאָלק אַ בלומען־יובילײ,
יערלעך פייערט ס'פאָלק זיין בלומענפעסט.

בלומען־שיינקייט
וואַקסט ניט אין בוקעטן
אין אָפּגעריסענער אַליינקייט
פון פארפומירטע בודוארן און שטייפע טואַלעטן.

בלומען־שיינקייט וואַקסט
פון רויע קראַנצן,
ווען ס'גייט דאָס דאָרף אַוועק אינמיטנוואָך אַ טענצל,
ווען ס'קעלבן זיך די קי, מע זאַמלט איין פון פעלד די מי,
ווען ס'פראַוועט דאָרף אַ חתונה, —
וואו ס'שמעקן פויערטעס מיט פריש־געדרעשטן פלאַקס
און פויערים — מיט לויג
פון לייוונט־העמדער פרישגעוואַשענע. —
דאָ, וואו לויגיק שמעקט דאָס לעבן
און די פרייד,
וואו האַרץ ווערט ניט גענאַרט פון אויג.

דער מאַן אין פאַנצער־פראַק
זויפט און ווערזעט
און ווישט דעם פּיסק מיט בלומען־פערזן
אין זיין רויזן־נעסט.
דער מענטש אין גראָבן, טויבן זאַק —
מיט וויין, געזאַנג און הונגער — אין זיין הינטערלאַנד,
פייערט טאַנצנדיק דעם בלומענפעסט.

רענדלעך גליען
אף שפאניעס פעלדער רויזן, לאנדישן, יאסמינען, —
ניט טעם, ניט דופט — אין בליען און אין גרינען,
ניט לעבנס יום־טוב פון שיינקייט־יובילייי
אין צייט פון פלאצנדיקע קנאספן, —
פאר דעם מאן אין פאנצער־פראק:
דאס איז די פרייד פון מענטש אין זאק:
באגייסטערונג פון פאלק פון פראסטן.

ברענען שפאניעס פעלדער זוניקע
מיט רויטע רויזן און מיט רויטע הערצער,
אפענע, פארוואונדעטע,
און ס'זינגט דאס פאלק, נאר ס'פרייען זיך ניט מער די הערשער.

כל־נדרי

(פון כל-נדרי ביז נא פאסאראן)

(אף איינעם פון די פראנטן אין שפאניע האט א אידישער בריגאדיר, צווישן אנדערעס, געזונגען כל-נדרי. דער נאמען איז ניט אנגעגעבן. דא ווערט ער באצייכנט ווי דוד ראם.

. . . אלע נדרים
און אלע אסורים
וואס מיר האבן גענומען אף זיך — זיינען בטל.
מירן זיצן אף אונזערע קברים,
מירן אויסשטיין אלע יסורים,
און היטן יהוהס געבאטן.

הערסט די עלטערזיידעס רייד
פון 1481,
רייד — צופנדיקע שטיקער הארץ —
פון שפאניעס מיטלאלטער־קעלערס, —

געשיכטעס אַ לאַנגע נאַכט מיט לעבן,
וואָס טאָרקוועמאַדאָ באַוואַכט זי,
און פון שייטערהויפן שיינט
דאָס קיניגלעכע פּנים איזאַבעלאַס.

די שייטערהויפנס לייכטן
מיט דער זוניקייט פון אַנדאַלוזיע,
נאָר ציילסטו אַנדאַלוזיעס טויטע אידן,
איז די זוניקייט
מער נים ווי אילוזיע.

אין די גן־עדן־פייערן
שטייגט־אויף אַ הימלדיקע משפחה־אידיליע:
די קאַרדינאַלן, די קיניגלעכע קורווע
פון הייליקן קאַסטיליע,
דער ריטער הערנאַנדעז — דער פּראָטאָטיפּ
פון געניאַלן מיגועל סערוואַנטעס —
באַ הייסן וויין פון אַליקאַנטע.

וויין איז בלוט
און בלוט איז וויין
פון אוראַלטן ירדן
ביזן מאָדערנעם רהיין.

כ׳דערמאַן זיך אין מיין זיידעס גזר,
ווען כ׳זע שפּאַניעס לעבן שווימען
אַפן בלוטיקן מאַנזאַנאַר.

פראַנקאָ — אַן אייניקל פון איזאַבעל, —
קרוינקאָפּ פון גאָטפאַרכטיקן טיראַן;
דוד ראָם — אַן אייניקל
פון דאָן אַבאַרבאַנעל, —
אַן ערלעכער מאַראַן.
פיר אַ האַלב יאָרהונדערטן אין פייערדיקן שפּאַן —

פון כל־נדרי
ביז נאָ פּאַסאַראַן.

זיצט דוד אין טראַנשיי
אונטער קאָרדאָווע
און זינגט אוים זיין זיידעס מיטלאַלטערלעכן וויי,
אין אַ רעגנדיקן אָוונט.

און פּעדראָ פון מאַדריד,
און יאָהאַנעס פון האַמבורג,
העלפן זינגען די תפילה פון שפּאַנישן איד,
געזונגען פון אייניקל דוד
פון לעמבערג.

יאָהאַנעס און פּעדראָ
פילן אין טייטש און אין טאָן פון כל־נדרי
די אייגענע בלוטיקע סדרה,
די גוטסקייט פון גאָט און פון שטאַט
און ביידנס זיך ברידערן.

יאָרן, ווי טייכן האָבן געשטראָמט,
און דורך זיי — דער וויין פון אַליקאַנטע,
און דאָס וואָרט און דאָס ליד פון שפּאַניעס טראַנשיי
שפּרינגט ניט אַרוים פון אַ רגעם עקספּראָמפּט:
יאָהאַנעס און דוד און פּעדראָ
האָבן דערוואַקסן
צו נאָ פּאַסאַראַן און אַדעלאַנטע.

יאָהאַנעס און דוד און פּעדראָ
אַף שפּאַנישן שלאַכטפעלד
זינגען דאָס ליד פון געברידערטן שטאַם.
יאָהאַנעס און דוד און פּעדראָ
פון שפּאַנישן שלאַכטפעלד
באַוואַרפן מיט פייער דעם פינצטערן וועג —
פון כל־נדרי
ביז נאָ פּאַסאַראַן.

דער אָרקעסטער

(אַ בריוו פון דייווי'ן)

. . . אַ פרימאָרגן — ווי אין זוניקן
סאַן אַנטאָניע.
אונזער אָרקעסטער שפּילט, אין שפּילן הערסטו
די האַרמאָניע
פון הונדערט פעלקער אין איין בריגאַדע :
דער גיטאַריסט — אַ ראָמאַנטישער ווענעציאַנער,
דער קלאַרנעטיסט — אַ זאַבלעכער בעלגראַדער,
פידל שפּילט אַ איד
און אַף וואָס דו ווילסט — דייטשן, שוועדן, יענקים, אינדיאַנער.

מיר שפּילן־איבער נייע קאָמפּאָזיציעס
פאַר אַ טור־קאָנצערט.
אַך, ווי גוט עס שפּילט זיך
אין דעם בליענדיקן בלומענגאָרטן — גרעסער פון דער ערד.

פון בלומענגאָרטן — דורך גאָלדענע אָראַנזשערייען —
אין נאָענטן הינטערלאַנד פון די טראַנשייען.
שפּאַנישער הימן
און אינטערנאַציאָנאַל.
שפּאַנישע ראָמאַנצעראָס — און דייטשישער טויטנשטראַל.
מיר זינגען און מיר שפּילן,
און די פאַשיסטן צילן.
סוויסטשען דורך די טענער קוילן,
אַקאָמפּאַנירן אין דער לופט מאָרטאַרן,
מיר מאַכן אונזער טור
שפּילנדיק
און קיינעם הויבט ניט אָן צו אַרן.

מאַדעסטאַ

מאַדעסטאַ — די פּויערשע מויד,
קען ניט לייענען, ניט שרייבן.

מאַדעסטאַ — אַף אַן אייזל צום שלאַכטפעלד
געקומען צו רייטן.

— ווער ביסטו, מאַדעסטאַ?
— אַ פעלד־פּויערטע אַ פּראָסטע.

— וואו ביסטו געבאָרן, מאַדעסטאַ?
— אין אַן ערד־שטיבל, מיט אַכט ברידער און שוועסטער.

— וואו — טאַטע־מאַמע, מאַדעסטאַ?
— באַגראָבן אין חורבות, צווישן די ערשטע.

— און וואו — דיינע ברידער, מאַדעסטאַ?
— אַפן פראָנט — צווישן די בעסטע.

— וואו איז דיין מאַן, מאַדעסטאַ?
— מיין חתן איז געפאַלן בא הועסקאַ.

— וואָס טוסטו דאָ, מאַדעסטאַ?
— כ'בין געקומען מיט פראַנקאָן זיך פאַרמעסטן.

מאַדעסטאַ, די פּויערשע מויד,
קען ניט שרייבן, ניט לייענען.
מאַדעסטאַ, אַ קינד פון דער נויט,
וואָס קען ניט וויינען.

מאַדעסטאַ
די פּויערשע מויד
איז זיך געקומען פאַרמעסטן
מיטן טויטן.

און ליריש פליסט דער מאַנזאַנאַר

(צוריקטרעטנדיק פון אירון, האָט די לאַיאַליסטישע אַרמיי ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווי וואַרפן זיך אין מאַנזאַנאַרע טייך. שווימענדיק, זיינען פיל דערטרונקען און דערשאָסן געוואָרן.)

איך האָב געזען אונזער טויט
שווימען
אפן מאַנזאַנאַר:
פונדערווייטן — צעפּאַלענע פּליטן
ליכטיקער געהילץ.
פונדערנאָענט — יעדער זעלנער
אַ ניט־אונטערגייענדיקער גבר.
אַף טויזנט פּנימער
האָט זון מיט זיג געשפּילט.

אפן אָפענעם, ברייטן
ליריש מאַנזאַנאַר:
אַ טייך טויט — מיטן פּנים אַרויף.
טויזנט פּנימער —
ניט טויט,
ניט שטאַר,
קוקן דעם הימל אין די אויגן, און דער וועלט,
און וואַרעמען זיך אין הימלס האַרץ:
טויזנט לעבעדיקע פּנימער פון טויטע טרופּן
שמייכלען
און פּאַרטרויען אַלץ דער זון,
ווי זיי וואָלטן שווימען
צו ענטפּערן דעם רוף:
דעם אַריינדרינגער — דעם טויט —
וואָס בושעוועט
אין בלומענדיקן לאַנד —
פון אַלע ווינקעלעך אַרויסצושטופּן.

מעלאָדיש,
ריטמיש
פּליסט דער מאַנזאַנאַר,
מעלאָדיש זינגען זײַנע שטילע װאַסערן
אַ טרויער־מאַרש.

ריטמיש, ריטמיש
פּליסט דער מאַנזאַנאַר.
שטילער טײַך טראָגט־אָפּ אַ טאָג מיט טויט
צום רוישנדיקן ים, —
אַ טאָג מיט זון, מיט הימל,
אַ טאָג, װאָס האָט פֿאַרן לעבן פּולבלוטיק געלעבט,
אַ טאָג, אַן אײנציקער קאַפּיטל —
פֿאַלט אַרײַן אין טויטן־ים,
װי די געשיכטע — אין דער אײביקײט.

און — ריטמיש,
ליריש
פּליסט דער מאַנזאַנאַר.

מיגועל סערוואַנטעס

אַ פֿויער — אַ מאָדעל
פֿאַר אַ ראָדען־סקולפּטור
דאָס איז סערוואַנטעס, מיגועל,
דער באָרוועסער פּויער פֿון אַסטוריע.

פֿיר זין האָט מיגועל.
קעמפֿן צװײ אונטער מאַדריד
און צװײ — בײַ טערועל.

רואיק פּיפּקעט זײַן לולקע מיגועל,
און שמועסט מיט באַדויער צו די שכנים

וואָס זין אים פעלן
פאַר בילבאָ און קאַראַבאַנטשעל.

דער פויער מיגועל איז
שטאַם פון שפּאַניעס אַנאַלפאַבעטן:
ירושה פון דינאַסטיעס אַלפאַנזן
און צאַצקעדיקע איזאַבעלאַס:
אונטער שלעסער — פונעם אַלף־בית ביז די פּאָעטן.

אַ גליק: געווען אַ דינסט די מאַמע,
אַף שררות קינדער אויפגעפּאַסט,
האָט זי אַהיים געבראַכט אַ ביכל — פאַרוואָרפן
פון איר דאַמע,
פון די קינדער — דעם אַלף־בית גענאַשט.

אַזוי האָט מיגועל
צו ברעקלעך וויסן זיך דערקליבן.
איצט — איז אים זיין האָפענונג אַף פרייער שפּאַניע,
זיין אַלטער הונט — „אַלפאָנז"
און ביסל קענטשאַפט נאָר פאַרבליבן.

מיט זיינע קלוגע פריינט
געבליבן ז'ער אַליין אין שטיבל:
זיין „אַלפאָנז" און „דאָן קיכאָט" —
מיגועלס משפּחה־ביבל.

לייענט ער אין אָוונט
זייט נאָך זייט,
יאָרהונדערטער ווערן אים נאָענט,
און די מיל —
די מיל איז דאָ ניט ווייט.

פאַנטשאָ קען ער אויסגעפונדן,
גלויבט: דער קליגערער איז ער, ניט דאָן קיכאָט.
די ריטערלעכע העלדן זיינען שוין פאַרשוואונדן,
און פאַנטשאָ איז אויס אידיאָט.

רעדט ער, און „אַלפּאַנז" הערט אוים פּאַרטרווילעך
סערוואַנטעס' טייטש
פון דאָן קיכאָטס נסיעה, פון פּאַלקס הולך,
פון שפּאַניעס יאָך אונטער דער קירכעס בייטש.

„אַלפּאַנז" איז נאָך די זין פּאַרבענקט,
שאָקלט ער אומעטיק זיין קאָפּ — דעם אַלטן ווי אַ טרייסט.
און מיגועל: „געדולדיק, נאַר: באַלד גיי איך, און דו דאָך אויך —
ווי דו שטייסט און גייסט."

זיינען נעכט געקראָכן
ווי צעפּלאַצטע טאַנקעס,
זיינען טעג געפלויגן
ווי צעפלאַמטע עראָפּלאַנען,
און צווישן אירון און קאַזאַבלאַנקע
זיינען אַף סערוואַנטעס פיר זין — פיר ברעטלעך געשטאַנען.

אין אַ באַגינען,
זיין הונט בא דער זייט,
מיט אַ זאַק און אַ ביקס, —
פון זיין ליימענער שוועל
האָט געקוקט אין דער ווייט
מיגועל.

אפן זיבעטן טאָג איז סערוואַנטעס
געשטאַנען אין גרובנס בא אַליקאַנטע.
זיין אויג האָט געצילט און זיין האַנט האָט געטראָפן:
רוימער „מלאכים" זיינען אַנגעפלויגן,
אַפריקאַנער מורן זיינען אַנגעלאָפן, —
מיגועל האָט דאָס בלוט פון שפּאַניע און זיינע זין
אין פייער אַף פעלדער געפונען צעגאָסן,
האָט ער מיטן אימפּעט פון זיינע העלדישע פיר זין
די „געטלעכע שלוחים" — די דעמאָנישע
„דערלייזער" באַשאָסן.

קאַרמענסיטאַ

די שטאָט איז חרוב.
אין פעלד־שפּיטאָל ליגט די יונגע קאַרמענסיטאַ:
זי דאַרף איר ערשטלינג געבאָרן.
איר האַרץ — ווי איר ערשטלינג ציטערט.

איבער שפּאַניעס פעלד־שפּיטאָלן
האָט דער טויט פאַרכאַפּט די הימלען.
נים פאַלנדיקע שטערן — פייערדיקע שטאָלן
זעט קאַרמענסיטאַ פליען אין איר פיבערישן דרימלען.

זי הערט זיך איינזינגען
איר קינד מיט לידער.
גיין. זי הערט אַ פיין־געוויין
פון פאַלנדיקע גלידער.

לעבנס העלדן, צעפּערטלטע און האַלבע
וואַרטן אַפן טויט, אָדער — אים ווידער גיין באַדראָען.
קאַרמענסיטאַ זעט איבער איר בעט פליענדיקע שוואַלבן.
ניין. — מאַטאָריזירטע האַקנקרייצן־קראָען.

אַרום, אַף טישלעך, בליען קוויטן,
ערשטן מאַמע־שמייכל וועקן־אויף די דופטן.
ניין. דאָס גליען וואונדן אַף האַלב־טויטע,
דאָס פליען טויט־בוקעטן פונדערלופטן.

איר דרימל־טרוים צעפלאַנצט זיך:
די בעטן זיינען בייטן מיט פעלד־ליליעס באַוואַקסן.
בלומען, קינד, — אַ מאַמע — איר לעבן דערגאַנצט זיך.
נאָר שפּיטאָל קרעכצט אונטער פייער־שלאַקסן.

נאַכט — אַ פינצטערער ים, אַ פּוסטע, ימאַיקע נאָרע.
איבער דער ערד פלאַצן פייער־געמבעס.
לויפט אין ווייטיקן אַ מענטשנוואַלד פאַרמאָרעט —
און מאַשינביקס ברעכט זיי ווי די דעמבעס.

טאָג. די זון קומט אַרויס באַקוקן
איבעראַניים דאָס לעבן און די בלומען.
שפּיטאָל — ווי פעלד איז אָפן, שטיקער לעבן צוקן,
וואונדן וויינען, טויטע שטומען.

געוועזן די נאַכט אַזאַ גערעטעניש
אַף פּרוכטבאַרע, פּייערדיקע זיגן.
אינמיטן שלאַכטפעלד — אַ יונג באַשעפעניש
געפינט די זון לעבן יונגער מאַמען ליגן.

געפינט די זון דאָס יונגלינג
מיטן פעלד באַזונטן טויט זיך באַרען:
די מאַמע — שטאַר — ווי אַ פאַרגוואַלדיקטע אין טויטנציטער:
דער ערשטלינג־מאַמען פעלןביידע אָרעמס.

קענגן אָפענעם טאָג, קענגן אָפענעם הימל —
דער הילפלאָזער העלד — די מאַמע — קאַרמענסיטאַ:
דער וועלטס אויפגעשניטן האַרץ, די טיפסטע וואונד פון טאָג —
ווי ס'זאָל די גליענדיקע זון דאָ ליגן אויפגעשניטן.

„גוטמאָרגן דיר,
אַ ליבע, לעבעדיקע זון:
היינט איז פינצטער, באַ דיין אויפגיין און פאַרגיין." —
הערט די ערד דער מאַמעס רייד, —
ווען ס'גייט די זון דורכן לעבן און דורך בלומען
און באַגעגנט קאַרמענסיטאַס ערשטלינג,
וואָס ליגט אינמיטן שלאַכטפעלד
און וויינט.

אַנטאָניאָ אַלבערטי

(בען ליידערן)

צוויי
פלאַמענדיקע פליגל
אין די וואָלקנס זיך וואַקלען:

ס׳האָט דער שונא אונזער פליער דעם נאַקן דורכגעלעכערט.
אַלבערטיס אויגן — צוויי פליענדיקע פאַקלען,
דער וואַקלדיקער עראָפּלאַן —
אַ פאַלנדיקער פייער־פעכער.

אַלבערטי נאַרט זיך ניט
אין אויסזיכט פון זיין גורל.
וועט ער אָבער ניט לאָזן אין די הימלען פריי
די טויטלעכע שאַקאַלן:
זיין אויסדערוויילטער טויט זעט פאַר זיך איין ברירה:
ס׳זאָל זיין פיינט — דער טויט אַליין —
מיט אים איניינעם פאַלן.

וויטיקן
וואָס קומען פון גוטן ווילן,
וויטיקן און וואונדן
פון פרייוויליקע טאַטן
לאָזן אַף אַ רגע ניט
אַרויס פון אויג די צילן,
וואָס טויט קומט אָן אַנטקעגן צו פאַרראַטן.

האָט איינגעקראַמפּט דער שטאַרבנדיקער פילאָט
אַלע כחות פון זיין לעבן
אין זיין לעצטער רגע,
מיטן גאַנצן לעבן אַ דריי געטאָן זיין ראָד
און פּראָפּעלער צו פּראָפּעלער
אין שונאס רוישנדיקן טויט אַריינגעפאָרן.

האָט די נאַכט
דריי עראָפּלאַנען מיט טויט
אַרונטערגעבראַכט:
דער שונא — טויט, און טויט — דער טויט אַליין.

אַ באַן מיט קינדער

(אָנקומענדיק קיין זשענעווע, האָבן די באַסק־קינדער, וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון בילבאַאָ, דערזען, צווישן די, וואָס זיינען געקומען זיי באַגעגענען, צוויי קאַטוילישע גלחים. די קינדער האָבן זיך אָפגעזאָגט אַראָפּצוגיין פון דער באַן, און האָבן געשריען: „אַרונטער מיט מוסאָ־ליניען!", „אַרונטער מיט היטלערן!", „אַרונטער מיט פאַשיזם!", „אַרונטער מיט שווייצאַרישן פאַשיזם!" — ביז מ'האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די גלחים וועלן איבער זיי נים האָבן די אויפזיכט.—ניייעס.)

שטייט די וועלט
און זעט פאַר זיך אַ סצענע
אין דער הויפּט־שטאָט פון שווייצאַריע:
פאַר די אויגן פון דער וועלטס גרעסטע, פירנדיקע מענער
טוט זיך אַ שאָקל
פּיאָוסעס אימפּעריע.

זשענעווע צעווינט אַלע גלעקער,
עס קלינגט דער גלאָק אָפן וואָקזאַל.
אַ שווערע באַן
קומט אָן פון ווייטע, ווייטיקדיקע שטרעקעס,
קומען איר באַגעגענען
יונג און אַלט.

איבער די גלאַטע, בלישטשענדיקע רעלסן פון דער וועלט —
אַ באַן,
אַ באַן מיט קינדער יאָגט זיך זוכן שוץ:
אַ באַן, צעשאָסן און פאַררויכערט, —
אַ באַן פון באַסקנלאַנד.
אין הייליקער רעגאַליע
פאַרפּוצט —
מיט זילבערנע צלמים איבער שוואַרצע טאָגעס.

שטופּן זיך צו די טירן פון דער באַן
צוויי „מלאכים" פון פּיאוסעס פּמליא:
ס'איז באַסקנלאַנד קאַטויליש פרום,
איז באַסקנבלוט — דער וויין פון זייער חגא,
דער וויין פון הימלדיקן פרידן
פון וואַטיקאַנישער איטאַליע.

אַ באַן.
אַ באַן מיט קינדער איז אַ באַן מיט זון.
אַ באַן,
אַ באַן מיט מוט פון באַסקנלאַנד.
אַ באַן מיט צער און מיט געזאַנג.
דאָס פאָלק — דאָס איז דער וועלטס געזונט,
כאָטש ס'איז זיין לעבן אייביק קראַנק:

האָט די באַן מיט טויזנט שטימיקן „סאַלוד",
זיך אָפּגעשטעלט, געבליבן שטום,
איין רגע,
און אַנדערש זינגט אין באַן דאָס בלוט:
פרידנפרייד גייט איבער אין אַ בייזן ברום.
די קינדער האָבן די „מלאכים" צווישן אַלעמען דערשמעקט:
איז די באַן — אַ באַן מיט שרעק.
די קינדער טוליען זיך,
און ווילן ניט אַרויסגיין צום וואָקזאַל.
נאָך אַ רגע,
און די קינדער ווערן מונטער,
און אויף דער ברייטער פּלאַזאַ פון זשענעוועס באַן־צענטראַל
רייסן זיי אַרונטער
בעניטאָס טעמפּל אין שווייצאַריע
און פּיאוסעס פּיראַטישע אימפּעריע.
נאָכדעם האָבן זיך די באַן־טירן צעפּראַלט,
די באַסקנקינדער, זינגענדיק נאָ פּאַסאַראַן,
האָבן געשפּאַנט
איבערן ברוך פון וואַטיקאַנס פּאַנאַנדערפּאַל.

באַסקישע לאַנדשאַפט

(פון אַ דיכטערס אַ בריוו)

דער הימל איז צעשפּאַלטן.
פון יעדן שפּאַלט — זעצט אַ הייסער וואָלקן.
דורך יעדן וואָלקן פליען
טאָנען טויט.
דער טויט
צייטיקט אויס דאָ יעדן טאָג
פרישע פעלד־בית־עלמינס,
וואָס וואַקסן אין דער זון ווי פעלדער ברויט.
איבער באַלאַגערטע וועגן
שלעפּן ראַטעוועןן אַ שטעטל לעבן
איינגעמידטע אָקסן,
ביינערדיקע אייזלען,
און דאָס לעבן אויף די קרומע וועגענער
האָט דעם מינדסטן אָנבליק ניט
פון געניאַלסטן, שענסטן
גבור —
דער שטאָלץ פון הימל און ערד — דער מענטש.
איבער די וועגן פליט
דער אָדלער,
פליט דער שפּאַרבער,
פליט שוואַלב און לאַרכע,
און צווישן זיי,
און איבער זיי —
פליט מאָטאָריזירטער טויט.

יעדע רגע איז — אַ פייערדיקער ריז,
צום גוטן, צי צום בייזן.
איינס — ווייס איך אויף געוויס:
איינע פון די רגעס וועט
אונז אַלעמען דערלייזן.

קאַרמעליטאַ

טיף
די הייל.
טיף און פינצטער.
אַף אַ קעסטל, אין אַ ווינקל,
אַלט און גראָ,
ווי אַן אָפּגעשאָסענע, פאַרדוויכערטע שטיק וואַנט,
זיצט די אַלטע קאַרמעליטאַ:
לייכט אַ בלייכער פּנים
מיט מאַמעדיקער גוטהאַרציקייט פון לויטערער לבנה.
דאָס פּנים זעט
דורכן שמייכל.
די אויגן — אַליין צוויי היילן
אונטערערדישע.
ווער איז קאַרמעליטאַ?
קאַרמעליטאַ איז די אַלטע, גוטע מאַמע
פון אַלמעריע.
קאַרמעליטאַ האָט אַוועקגעגעבן אַלע זין און טעכטער.
אירע אויגן
ליגן ערגעץ, גליען,
אין די חורבות פון איר אייגן היים
אין אַלמעריע, און קאַרמעליטאַ שמייכלט.
בלינדערהייט
האָט זי אַריינגעבלאָנדזשעט אין דער הייל.
זיצט זי דאָ און קוקט,
און זעט
ווי פייער מאַכט דאָס ליכטיק, נאַקעט לעבן פון איר שפּאַניע
פינצטער.
די זעט
איר אייגן בלוט
לייכטן אומעטום
וואו ס'ווייזט זיך נאָר דער שונא.
קוקט אַרויס דער גזר פון וועלט און גרויסמוט
פונעם מענטש

פון אירע טיפע אויגנלעכער.
און קוקסטו אף איר פּנים —
איז ניטאָ קיין שטאַרבן, קיין מפּלה,
און די הייל ווערט ליבע, גוטע היים,
וואָס זעט דורך פינצטערניש
דעם מאָרגנדיקן זיג, וואָס קאַרמעליטאַס האַרץ
און שמייכל און צוויי גרויסע אויגנלעכער
היטן אָפּ.
קאַרמעליטאַ — די אַלמעריער בלינדע מאַמע,
וואָס דאַרף שוין ניט קיין פענצטער, ניט קיין זון,
שטערן און לבנה, —
נאָר די זין
זאָלן איר צוריקברענגען איר שפּאַניע, —
קאַרמעליטאַ —
דער וועלטס אייביקע אַלמנה.

יאָסל

יאָסל, דער פּוילישער איד,
פון טויט איז אַנטלאָפן פון פּוילן,
און געגאַנגען אַנטקעגן דעם טויט
פון איטאַליענישע קוילן.

איבער פינצטערע וועגן, פון פּוילישן העק,
איבער גרענעצן — שאַרפן פון שפּיזן,
האָט זיך יאָסל געפּלאָנטערט אין וועג:
צו טרעפן די וועלף פון פאַשיזם.

פאַרוואַקסן, פאַרהונגערט, אין שמאַטעס,
דורך נאַכטיקע וועלדער אַליין,
מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם געקלעטערט
איבער די פּירענייען.

האָט מען יאָסלען גענומען פאַרחלשט, —
אין געראַנגל — אַ דעמב מיט אַן אוראַגאַן.
נאָר ס'האָט יאָסל צעעפנט צוויי טאָגיקע אויגן
ווען ס'האָט דער וואַלד צעהילכט: נאָ פּאַסאַראַן.

יאָסל, דער פּוילישער איד,
אַנטלאָפן פון טויט אין די פּוילישע וועלדער,
האָט דעם טויטלעבן וועג מיט זיין לעבן באַזיגט,
צו קומען — אױף טויט און אױף לעבן זיך מעלדן.

אַדעלינאַ

(די רויטע רויז)

צווישן רויטע וויינגאָרטנס
און אויסגוס פון ביסקײַ
איז אַ דאָרף געשטאַנען —
מיט הונגער און מיט בלומען,
מיט שטילקייט
און מיט הענערקריי.

דער טאָג איז רייך געווען
מיט הימלדיקן גאָלד,
דער אָוונט — מיט הימלדיקן זילבער
און פינקלענדיקע קאַשטאַנעטן.
דאָס דאָרף איז פול
מיט אַדעלינאַס טענץ און קול.
דאָס דאָרף דערווייל איז ווייט
פון פּאַראַפּעטן.

אַדעלינאַ איז די רויז פון דאָרף.
די דערפער פון אַרום — קענען איר הויז.
קלייבט אַדעלינאַ ווינטרויבן קאָרב נאָך קאָרב,
ציי טאַנצט זי אין אַ קאַראַהאָד, —
באַם שלייף אין אירע האָר בליט אַלעמאָל אַ רויז.

אין טאָג פון ערשטן רוף איז אַדעלינאַ
אוועק אין שלאַכט — מיטן זיידעס אַלטן יעגער־ביקס.
אין טיפער נאַכט, אין פייער־שטורעם, איז באַגינען —
געשפּרונגען אַפן שונא, מוטיק און געשיקט.

און ווען זי איז צוריק אַריין אין דאָרף
האָט דאָס דאָרף איר זינגענדיק באַגעגנט,
און פאַר שלאָגן די פּאַשיסטן, ווי זי קען,
מיט רויטע רויזן איר באַרעגנט.

אין אַ נאַכט, ווען ס'בידנע לעבן
האָט געזוכט אַ ביסל אָפּרו אין די בעטן,
האָט זיך איבערן דאָרף צעטראָגן
שפּיל פון טויזנט קאַסטאַנעטן.

ניין, דאָס איז ניט אַדעלינאַס טאַנצן,
ניט איר קנאַקן מיט די קאַסטאַנעטן,
דאָס פליען שדים איבער דאָרף, געפּאַנצערט,
און קנאַקן מיט די פּולעמיאָטן.

און ווען די זון האָט זיך באַוויזן,
איז אַדעלינאַ אינמיטן דאָרף אַרויס,
ווידער זיינען דאָ די מיפּאַלאָגישע גיהנום־ריזן,
האָט זיך דאָס דאָרף געלאָזט נאָך וואָפן,
אַדעלינאַ גייט פאָרויס.

נאָר די „יונקערס” האָבן אָפּגעוווישט דאָס דאָרף
אין ניין און יאָ.
מע זוכט, מע ציילט אָפּ די געבליבענע,
אַדעלינאַ איז ניטאָ.

אַדעלינאַ ליגט און לייכט
מיטן פּנים אין דער זון
בּאַ די חורבות פון דער לעצטער הויז,
אַ קויל האָט דורכגעשאָסן אַדעלינאַס שלייף
דורך דער רויטער רויז.

ניינצנטער יולי (1937)

פעלדער
פייערן דעם פייערטאָג
פון פעלדער פייער,
דער טאָג,
וואָס ברענט מיט פייער־זיגלען אין געשיכטע
א נייעם קוילערישן ניי־יאָר.
דער טאָג פון נאָך אַן ערשטן
פאררעטערישן שאָס.
דער טאָג, ווען ס'האָט דאָס בלוט פון ערשטער הארץ
אַף שפאניעם ערד געטאָן זיך א צעגאָס.
ווען קיניג־טויט האָט אָנגעהייבן נייע פּראָבע —
אַף די פראָנטן פון קאָרדאָווע —
דאָס לעבן איינצוהאָמעווען איינגאנצן,
מיט א „גוטן אָנהייב"
אפן לאַנד מיט מוט, מיט בלומען און מאראנצן.

פריער — פראנקאָס בשורה :
„סידערוואָרט אייך טויט !"
נאָכדעם קומען מורן,
געדונגענע באנדיטן,
רוימער און בערלינער גארניזאָנען —
פונפאָרנט, פונהינטן און אינמיטן.

נאכט.
קיינעמסלאַנד איז א הייל אָן א דאך.
אַף א שאָטן פון א שאָטן פאלט פארדאכט.
יעדער סילועט
קען זיין דער אָנהייב פון א שלאכט.
נאכט ווערט פון גאנצן חייל דער שינעל.
דער הימל שטערן — א פּנים
מיט די לעבעדיקע אויגן פון געפאלענע.

פון אייביק אָן איז שיין דער שטאָלץ
פון פּשוטע, זוניקע באַטאָגן,
און פון נעכט, ווען די לבנה מאָלט
באַוועגונג פון מענטשן אַף פרייליכע ראָגן.
נאָר טאָג און נאַכט ווערן איינס
ווען טויט־אַרמייען נעמען נאָכן לעבן יאָגן.

נאָר פייערונג איז פייערונג,
כאָטש אַנדערש טייטשט דאָס יעדע זייט:
אַף איין זייט מיינט עס שקלאַפעריי,
אַף צווייטער — זיין באַפרייט.

איז זאָלן אין דעם פייערטאָג פייערן קאַנאָנען,
אויב טויט, זאָל אין דעם פייערטאָג דער טויט זיך שטאַרקן.
שפּאַניע וועט איר שונא אין דעם טאָג דערמאָנען
וואָס ער קען אין טעג אין נאָענטע דערוואַרטן.

אַ בריוו פון אַ פּראָפעסאָר

. . . וואו נעמט מען די פּען
פון אַ געטע,
צו פאַרשרייבן אַף אייביק וואָס איך האָב געזען
דורך לעכער פון פּאַראַפּעטן.

וואו נעמט מען די מאַכט
פון שעקספּירישער דראַמע,
צו מאָלן דעם מענטשלעכן מוט
בא כאַראַמאַ.

ווי שפּאַנט מען איין דעם רוישנדיקן פאַרבנשטראָם
פון קאָלאָסאַלן ניאַגאַראַ,
צו געבן אַן אָנונג פון העלדישן אימפּעט
בא גוואַדאַלאַכאַראַ.

וואו נעמט מען דעם שילדערונג־כוח
פון א טאָלסטאָי,
צו שרייבן די עפּאָפּייע
פון די באַסקן באַם ביסקעי.

וואו נעמט מען דאָס אויג פון געניאַלער וויזיע
פון א סערוואַנטעס, א האָמער,
צו פאַראייביקן שפּאַניעס צער —
פון איינונאייינציקער מאַדרידער טרער.

וואו נעמט מען א באַלזאַקס פאַרנעם,
דערציילערישן סטיל פון א קנוט האַמסון,
צו געבן דער צערודערטער מענטשהייט
די וועלט־דראַמע שפּאַניע אינגאַנצן.

וואו נעמט מען דעם מאַרך
פון אַלע וועלט־זשעניען,
אויפצוּלויכטן אַפן עווערעסט
דעם חורבן אַלמעריע.

וואו נעמט מען די פאַרבן —
פון וואַן גאָגן בולטער, פון רעמבראַנדטן קרעפטיקער —
צו באַמאָלן די ווענט פון דער וועלט
מיט די רואינעס געַרניקאַ.

די קונסט, די קונסט — גרויס און געניאַל.
א פולע וועלט שעפערישער טאַלאַנט.
די גרעסטע קונסט —
ווען א רייכסווער גאַרניזאָן צעפאַלט!
די שענסטע קונסט —
שפּאַניעס ווייגעשריי־פּלאַקאַט
אַף מאַדרידס א בלוטנדיקער וואַנט.

ק י נ י ג ט ו י ט

היינט איז פרילינג.
דאָס ווייסט די זון, ווי איך, ווי דו.
די זון איז גרייט, און איז, ווי אייביק, ווויליק,
נאָר צווישן איר און אונז שרייבט דיקער רויך: טאַבו!

די זון
גייט ערשט
צו אַפּריל,
נאָר זי וואַרעמט שוין
מיט רייפן מאַי.
זי ציט שוין פון דער ערד
דעם רייכן פאַרבנשפּיל,
נאָר עס שטאַרבט די שיינקייט
אונטער הייסן בליי.

מיט זון־באַגינענדיקער פרייד
דאָס לעבן עפנט אַלע פענצטער:
נאָר הימל זעט אויס בלאַטיק —
ווי שמעטל נאָך אַ שניי,
קומט פרילינג אָן אין וואָלקנס, —
און בלייבט אַ ניט דערקענטער:

יעדן פרילינג
די געשיכטע ווידער
שפּילט־אויף דעם לעבן פאַלשע עפּיזאָדן:
מע קומט באַגעגענען דעם טאָג
מיט פרילינג־לידער,
און מ'מוז פאַרהאַקן אַלע לאָדן.

יעדן ווינטער,
ווי צום ערשטן מאָל, דערוואַרט דער מענטש
פון זון און בליאונג דעם סעזאָן,
און יעדן ווינטער חלומט ער:

די פרילינג־זון
זאָל בלייבן איינגעפלאַנצט
אין הויך פון לעבן — ווי זיין פאָן.

און זון און וועלט הערן:
אין גוטע הערצער וויינען בייזע בערן.
פרילינג ווירקט אַף מענטש און בוים און גראָז,
נאָר וועלדער טראָגן טויט־געררוכן צו דער נאָז.

טויט!
טויט דורך פרילינג, טויט
דורך זומער,
טויט דורך ווינטער, טויט
דורך האַרבסט.
זעסט: דאָס לעבן איז אַף רעגנבויגנס
אָנגעקומען,
און דו,
אין קעגנזאַץ נאַטורס געזעצן —
שטאַרבסט.

ווער האָלט־אויף דעם טויט באַם לעבן, ווער?
דער פיינט פון לעבן, וואָס באַזעצט אין יעדן האַרץ אַ בער.
אַ בער, וואָס פרעסט דאָס האַרץ, און ניט דעם שונא,
און קען דאָס לעבן בלויז מיט טויט באַלוינען.

אַף אַלעם גוטן ווערט דער טויט געהאָדעוועט:
אַף האָפענונג, אַף טרוים, אַף ליבע,
יונגע זין און טעכטער.
דער מענטש גייט אָפּ מיט שוויים און בלוט
און האָרעוועט
אַף זעלבסט־געזאַלבטע מערדער,
וואָס גילטן ווי דעם לעבנס וועכטער.
קיניג טויט גייט אָנגעטאָן אין דימענטן,
אין אַ צילינדער,
עס שפילן אים אָרקעסטערס, אָפּערעס, באַלעטן.

צו יעדער סעודה שרעקן זיך די זיידעס,
ווי די קינדער,
און זיין שאָטן שלאָפט אין אַלע בעטן.

ווי אַ שמעטערלינג אין אַ וואַלד־שריפה
פלאַטערט דאָס לעבן
אין העליש הייסע טעג.
ווען שפּאַניעס ברויטפעלד איז אַ שלאַכטפעלד —
איז אויך היים אין קילער ביבליאָטעק.

ס'איז היים,
און מיינע פיס זיינען קאַלט:
איך קום ערשט פון דער געשיכטעס בלאַטיקע בית־עלמינס:
פעלדער לעבן
מיט איינגעפאַלענע מצבות
און אָפּגעבליאַקעטע נעמען.
פאַר אַלע וועלט־פעלדער — איין טיטל:
„דער אומבאַקאַנטער".
איבער אים — אַ מאָנומענט
אָן אימפּאָזאַנטער,
און צו יעדן יאָרצייט קומט פון פרעמדע לענדער
אַ קיניגס אַ געזאַנדטער
מיט ווירדע און מיט כבוד
און אַ צלם בלומען:
זאָלן ברידער, מאַמעס, פריינט און ברידער, —
די וועלט זאָל וויסן,
אַז זיין לעבן איז ניט אומגעקומען:
ער וועט אין וועלט־קבר
פון ערע,
זון און בלום
געניסן.

וואָס נאָך קען נאָך זיין טויט
אַ מענטש פאַרלאַנגען?
ניט יעדער קען דערוווייזן בײַ זיין לעבן
די אַלע זאַכן צו דערלאַנגען.

קיניג טויט האָט אַ האַרץ
ווי די ערד די גרויס.
איז ער גוט צום מענטש,
ווען דאָס ברויט גייט אים אויס.

איך האָב געקענט דעם קיניג
פון „אַלטע, גוטע צייטן״:
בײַ די ברעגן פון דניעפּער,
ווייסל און דווינע,
דאַרע אינגלעך אויף דאַרע שטעקנס רייטן.
אין די שטעטלעך איז דער קיניג אָפט געקומען
אויף באַזוך.
מיר׳ט געדאַכט, ער קומט ניט
אין פּאַראַדנע קליידער,
אין קרוין און אין צילינדער,
נאָר דאַר און קליין,
אַ בייזער, נאָר אַליין דערשלאָגן,
הונגעריק און בלייך.
און ווען אַ שטעטל האָט זיך אויסגעטשוכעט
פון אַ שווערן ווינטער,
האָט וואו געפעלט דער „ברויטגעבער״, אַ מאַמע,
אַ פּאָר קינדער.
כ׳האָב געמיינט
דער טויט איז ניט קיין קיניג, ניט קיין פּריץ,
ניט קיין פּרינץ,
וואָס קומט צונעמען דאָס לעבן
ווי זיין צינז.
און ווען בײַם פּוסטן ווינעלע איבעראַניים
די מאַמע האָט געוויינט,
האָב איך סיי טויט, סיי קיניג
ניט געקענט פאַרשטיין.
איך האָב דעם קיניג ערשט דערקענט
ווען אין די לאַפּעס זיינע
האָב דערפילט מיינע צוויי הענט, מיין האַרץ
און מאַרך

און יעדן ביין.
דעמאָלט האָב איך זיך דערמאָנט אַז דאָס איז דער,
פאַר וועמענס אָנקום
מע האָט מיט פּורכט אין די פאַרטאָגן
די גאַסן דרייצן מאָל געקערט
און מיר, אויף דאַרע שטעקנס,
פלעגן אים אַנטקעגן רייטן צו סוף גאַס,
באַגעגענען זיין שוואַרצן, בלישטשענדיקן עקיפּאַזש
נאַשפּיץ —
אַכט פאַרפּוצטע, קיניגלעכע פערד,
מיט אַ פאַרנעם אויף גאַנצער ברייט פון שטעטל:
ער אַליין, דער קיניג,
און זיינס — די גאַנצע ערד.

נאָר באַ אַ שפּעטערדיקן וויזיט
זיינען געווען איינזאַם
די קיניגלעכע טריט:
באַגעגענען —
איז קיינער ניט געגאַנגען.
ברויט מיט זאַלץ — און ברכות —
ניטאָ
ווער
ס׳זאָל דערלאַנגען:
די יונגע פייפן
אויפן קיניג, און די אַלטע
האָבן אוים מורא זיך באַהאַלטן.
אין יענעם טאָג
האָבן די שוסטער פון שטעטל דעם קיניג —
ווי קיניג געקרוינט.
איז ער אויפן שולהויף אַרויף מיט די ריסאַקעס,
דעם קוטשער באַפוילן מיט דער בייטש צו קנאַקן:
— „פינצטערער המון!
איך, דער פּריץ פון די פעלדער, פון דער תבואה,
איך, דער באַלעבאָס פון שטעטל, פון דער מיל,
איך, דער פאַבריקאַנט, דער פּרינץ, דער קייסער:

איר לעבט,
און קינדלט —
ווייל איך וויל!
קנעכט — חוזקן פון קאראנאציע.
איך בין זעלבסטהערשער
איבער הימל און ערד און נאציע.
כ'בין געקרוינט
פון אלע דורות, אלע געטער.
שמייסער, הענקער,
נעמט זיי — די פארדעטער!"

היינט
פארט דער קיניג אף אטאמאבילן, טראקטערס,
טאנקעס און פאנצערס.
אף א מיליאן —
פון יעדן מין.
און אונזער לעצטע מתנה —
א סקאדרע עראפלאנען
פאר אים און זיינע מלאכים צו פליען.
ס'איז דער קיניג — לעבנס ערגסטער שונא.
און דאס לעבן אים באדינט.
פילאזאפן
שרייבן אים טראקטאטן,
אקאדעמיקער
שרייבן אים עסייען.
א קולטור — וואס גיט אים א צינגל
א גלאטן. —
שווייגן די בערן אין הערצער.
דער טויט רופט — און זיי גייען.

וואוהין איז דער וועג?
וואוהין איז דער גאנג?
ס'האבן קוילן פון לאנג זיי צעלעכערט.
מע שפירט ניט פון שווייסיקן לייב
פון טויט דעם געשטאנק,
מע בארגט און מע בארגט
דעם אייגענעם טויט־בארג אלץ העכער.

ווען מען קומט דעם מענטש פאַרגעטערן?
דעם, וואָס קיניג טויט איז ער
געטרייער פּאַטריאָט?
דעם, וואָס לאָזט זיך „העלדיש״
פון קאַנאָן צעשמעטערן,
צי דעם,
וואָס איז פון לעבעדיקן טויט געזעגנגעבער —
דעם מלאך־המותס גאָט?

מיינען, מיינט מען ביידן:
אין ערשטן פאַל —
מיט פליטערלעך דעם פאָלק די ציין פאַררייידן,
דעם טויט
אין נאַציאָנאַלן גאַרדעראָב פאַרקליידן,
אין צווייטן — זיך, דעם לויטערן,
דעם טראָן־באַזעצטן.

דער טאָן איז אַ געהייבענער,
פּראָפּעטישער:
דאָס לעבן טיילן זיך אַף העלפט —
וואָס קען זיין עטישער?
זיי, נעבעך,
דאָס זלידנע שטיקל ערד און יענע —
האָבן דאָך די גאַנצע וועלט.

עך, ווי געשמאַק
דאָס לעבן אַף דער ערד איז!
נאָר מיט „גאָלדענע״ רייד נאָרט מען דיך אַריין אין זאַק,
און מע שענקט אַ מונדיר און אַ שווערד דיר.

די גוטע ערד גיט פון אַלעם גוטן:
גאָרטנס גרינען, בייטן בליען, פעלדער ברויט.
דערשלינגט זי אַ מיליאָן רעקרוטן, —
לינדערט דאָס די נויט.

אַלץ איז פאַרן וואויל פון מענטש און לעבן.
וואָסער לעבן?
וועלכער מענטש? — איר ווייסט:
אין צילינדער פּאַראַדירט
וואוילטעטיקער באַגרעבער —
טיילט מעדאַלן,
פּעני־פּענסיעס
און טרייסט.

און פרילינג שווייגט,
און ערד נעמט צו.
באַרג נאָך באַרג צום הימל שטייגט. —
די ערד האָט אָרט נאָך וואו־ניט־וואו.

פאַר די אויגן שווינגען ביקסן:
שטורעמוועלדער דאַרנדיקע געוויקסן
אַנגעצונדענע פון בליצן.
מענטש קומט, מענטש פאַלט:
ניטאָ קיין צייט, ניטאָ קיין ווילן
די נעמען איינצוקריצן.
און „וואָס איז אין אַ נאָמען" —
פאַרן געפאַלענעם אומזיסט?
ס'איז ווי די רייד וועגן מענטש אויף דער ראַדיאָ
אין נירעמבערגער היפּאָדראָמען,
וואו לעבנס „חכמה" שטעקט אין גאַרטל פון פאַשיסט.

כאַפּ אַ קוק
אויפן פרילינג דורך אַ שפּאַלט:
פון אַלע זייטן זעצט דער רויך,
אויפן שפּיץ פון צלם־באַרג
דאָס לעבן שרייט: גוואַלד!

אין דונער
הערט זיך באַרצעלאָנאַ,
אין בליץ

ברענט בילבאָא, ברענט מאַדריד.
דאָס לעבן יאָגט דעם טויט
דורך וועלדער אראַגאָנער,
און דאָס לעבן קעגן טויט
וועט קיינמאָל ווערן מיד.

באַם האָריזאָנט, דורך פייער
שפּרינגען סילועטן
מיט די צייכנס פון דימיטראָוו און לינקאָלן באַטאַליאָן:
טויט און לעבן טרעפן זיך
בא אינטערנאַציאָנאַלע פּאַראַפּעטן.
דאָ איז שוין די זון
אַף אונזער פּאָן.

רויטע שטיקער וואָלקן פליען —
פּאַסן לעבנס טראַנספּאַראַנט:
ווערטער צוויי דעם קיניגס אויגן בריען:
נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן!

די ערד קען אַזויפיל פּאַרנעמען, און ניט מער,
נאָר געבן קען זי ערשט אַ סך.
מענטש — דאָס איז לעבנס געניאַל געווער,
און מענטש וויל באַלד דעם הימל פּאַר אַ דאַך.

פון ביידע זייטן —
עראָפּלאַנען אין געפלי.
איין זייט לעבן,
איין זייט טויט.
— „איידער לעבן אַף די קני,
בעסער שטאַרבן
שטייענדיקערהייט!"

ס'איז דאָ מער לעבן אין דעם טויט —
פון ליבע צו דער מענטשהייט,
ווי אין לעבן —

אף שנאה צו מענטש און וועלט.
קיין מאָנומענט
האָט ניט קיין מענטשלעכן באַדייט,
סיידן ס'קומענדיקע לעבן וועט אים לאָזן — ווי געשטעלט.

סיי ווי סיי שטעלט די אַלטע וועלט
אַ מאָנומענט
ווען ס'הייבט דעם העלד ניט אָן צו ערן.
נאָכן טויט
דעם מענטש אין מענטש
כלומרשט זי דערקענט:
מיטן מאָנומענט אַ צווייטן צו פאַרנאַרן.

אַף שלאַכטפעלד שלאָגט זיך פרילינג,
די זון — אַף טאַנקעס אין אַטאַקע.
די זון פליט־מיט מיט לעבנס פליער,
און היילט, אין שפּיטאָלן און באַראַקן

די זון איז אַ זקן
וואָס פרייט זיך
מיט יעדן נייעם לעבנס־שפּראָץ,
דאָס לעבן, ווי די זון —
האָט זיך קיינמאָל ניט געשראָקן
פון מלאך־המות׳ס אויגנגלאָץ.

די זון איז דאָס מאַדרידער קינד,
וואָס גיט אַף אַלץ אָן ענטפער
מיט אַ הויב פון האַנט,
אַ ווייע מיטן רויטן קליידל אַפן ווינט,
און ווינקט אַרויס: „סאַלוד! נאָ פּאַסאַראַן!״

פון אַלטערטום — איז שפּאַלטערטום,
איז שאַלטערטום און וואַלטערטום.
פון אַלטערטום איז קאַלטערטום.
גיי רעכן אַלע קיניגן, די קיניגנס,

די פּרינצן — בכורים
און מיזיניקעס,
די לאָרדן און די גראַפן,
אַפן און זשיראַפן, —
רעכן אויס אַלע משפּחות
פון פּאַרציײַטיקע
און הײַנטיקע עפּאָכעס,
אַלע פּאַראַזיטן־פּעריפעריעס,
וואָס גייען מיט הקפות
אַרום פאָלק — מיט פּראַכט און גלאַנץ
און מיט קדחת,
מיט מוזיק און מיט מאַלעריע,
מיט „מערשע אונד געזענגע”, שוואַרצער פּעסט
און מיט כאָלעריע.
רעכן אויס
די זיבעציקמיליאָן געריכטן,
וואָס קוכער־אַקאַדעמיקער גרייטן צו
פאַר דער געשיכטע —
מיט לאָרבערקרענץ און זאַמד־קאָטלעטן,
מיט וואַלד און פעלד
און זאַמדזעק־פּאַראַפּעטן,
מיט זונבעדער
אין קיינעמסלאַנד
און וואַנעס אין טראַנשייען,
מיט פרייע רייזעס איבער לענדער —
אַזיאַט
צי אייראָפּייער,
מיט געווער
זיך צו פאַרטיידיקן
און דעם נאָמען
אַף אייביק, אייביק, אייביק צו פאַראייביקן.
רעכן, רעכן נאָך. צו וואָס?
איצט שטייען מיר באַ מאַדריד,
ברונעט, באַדאַכאָז.
געשטעלט זיך אײַנגעמען דאָס לעבן

פון די העכסטע פעלזן
ביזן צאַרטסטן גראָז.
די פעלזן זיינען מיד פון פייערדיקע שלאָקסן.
גראָז וויל וואַקסן
דאָס גראָז
וויל אַף אונזער לייב ניט וואַקסן.
גראָז וויל וואַקסן
אונטער גלעט פון פויערס האַנט.
גראָז האָט ליב
די זומער־ליבע פון באַנאַנד —
פון מענטשן,
פייגל, פייערפליגן.
גראָז האָט ליב מיט פּאָרלעך
פון ווינטלעך זיך פאַרוויגן.
מענטש און פרילינג
רופן זיך איבער:
שטעלן די לעצטע מצבה
דעם פאַשיסטישן שד, וואָס פאַרטיליקט
דאָס לעבן, די ליבע,
מיט ברויט און מיט בלומען פאַרפלאַנצן
אַלע אָנגעגרייטע גריבער.

מענטש רופט: לאָזט דורך דעם פרילינג!
פרילינג רייפט אין מענטש דעם מוט קענן בויאַן.
עס קומט דער מענטש — בראשיתדיקער פרילינג,
מיט פרילינגדיקן רוף אין אים: נאָ פּאַסאַראַן!

נאָ פּאַסאַראַן! נאָ פּאַסאַראַן!
פון ערשטן טאָג פון מענטשנס לעבן
איז דער מענטש געוואָרן קראַנק:
חיה־טויט — ווי „אויבער־מענטש” פאַרקליידט —
האָט אים מיט דראָענדיקע שם־המפורשן געפירט, —
ביז מאַרקס האָט איבער ניטשען טריאומפירט.

זינגען מיר דעם האַריקן פרילינג ניט פון קוויטן:
מיר זינגען אים — באַגראָבנדיק די טויטע.

מיר זינגען פון אַ טויט וואָס קרוינט דאָס לעבן
מיטן מוט — צום קיניג טויט זיך מער ניט אונטערגעבן.

מיר זינגען אַף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע:
זינגען פון האַרמאַטן, פּאַנצערצוגן און טראַנשייען.
דאָס זינגט דער מענטש פון גוניאַלער האַרעוואַניע:
צום טויט,
וואָס ראַמט אַף אייביק אָפּ דעם טויט
פון לעבנס בליאיקע אַלייען.

פּייער. פּייער:
קעגן טויט פון רויך און גאַזן.
פּייער. פּייער: קעגן פראַזן און באַנדאַזשן.
פּייער. פּייער:
קעגן פילאָזאָפישע אוראָדישע פּאַראָדיעס.
פּייער, רויך און פּייער:
קעגן קיניג טויטס ראָמאַנטישע ראַפּסאָדיעס.

דאָס קיניגלעכע האַרץ בלוטיקט פאַרן פאָלק,
איז אַליין אין פאָלק געגאַנגען שטענדיק ירום־הודו,
זיין לעצטע טרייסט געבראַכט אין פעלד און טאָל,
פאַבריק און קעלערשטוב און בוידעם.

ער, יאָ, ער אַליין,
זיין גוטער ווילן
און נאָך בעסערע באַדינער.
געקראָגן האָבן אַלע:
אַפילו אידן, נעגערס, כינעזער און גרוזינער.
און האָט זיין גאָב זיך ווען געמינערט,
האָבן שפּעטער זיך דערפאַר פּאָזשיוועט
אויך די זקנים, קאַליקעס און קינדער —
פון אויפבלי
פון עפּידעמיע־תרופות
און ברייטהאַרציקע שטאָלענע ליופעס.

אויב לעבן קען זיין טויטנבארג
און באריקאדע,
אויב ליב און מענטש קען זיין באריער,
איז איידער אייביק צילברעט
פאר קיניגס קאנאַנאַדע,
איז קעגן טויט
זאָל שטעלן זיך דער בער.

און דער בער אין מענטש
וועט דאן אַף אייביק שטאַרבן,
און לעבנס מינדסטער אָדערל
וועט אים ניט אַרבן.

מע קען טעאָריעס און נעמען דורך לאַנד און וועלט
צעקלינגען,
מיט טעאָריעס און נעמען — דאָס לעבן ביז צום טויט
פאַרזינגען,
נאָר צווישן ליוב און מורא פאַרן קיניג —
שאַפט דאָס פאָלק זיין קללה
און זיין וויץ.
מע קען דאָס פאָלק, אַף אַ צייט, באַצווינגען,
נאָר ניט איינרעדן קיין פייגלמילך
אין פיסנעם גריץ.

געשיכטע לעבט ניט אַף קיין צופאַל,
דאָס לעבן שטייט ניט אַף אַ נס:
ס׳קען ניט זינגן דער, וואָס איז פון לעבן ניט באַרופן. —
דעמאָלט ווערט דער טויט — אַליין אַ מת.

אַ מאַמע שטעלט זיך שיסן
פון פייערדיקע שטויבן,
און ס׳לעצטע קינד אירס
איז ניט אָפּגעזוכט:
אין אונזער גיין אַף טויט — און טויטן
געבערט

און וואַקסט
טויטס ווידערשפּרוך.

זינגען מיר דעם האַיאַריקן פּרילינג ניט פון קווייטן:
מיר זינגען אים — באַגראָבנדיק די טויטע.
מיר זינגען פון אַ טויט וואָס קרוינט דאָס לעבן
מיטן מוט —
צום קיניג טויט זיך קיינמאָל,
קיינמאָל מער ניט
אונטערגעבן.

פּרילינג שטייט אונטער מאַדריד,
פּרילינג זינגט מיט וואַלד פון וואונדן
אין אַראַגאָן,
דעם קיניגס קרוין
אין לעצטע פייערן פאַרגליט.

מאַדריד האָט מענטש און פּרילינג אַף אייביק אויסגעבונדן,
גוואַדאַראַמאַ־בערג שטרעקן הויך
צום האָריזאָנט
פאַר קיניג טויט די לעצטע בשורה:
נאָ פּאַסאַראַן!

די לעצטע לויה

שטאַרב,
שפּאַניע פון פעאָדאַלן,
פּגר,
און דורך פייער, רויך און ווייערוך
וועלן מיר דיך אויפרייסן צום העכסטן הימל
אין דיינע מיטלאַלטער־קאַטעדראַלן.
מירן דיך דערהייבן.

שטאַרב,
קאַטוילישער מיטלאַלטער,

פגר.
דיינע יאָרהונדערטן קרייץ־צוגן,
אַלע מכשפישע געזאַנגען פון קאַטוילּיציזם,
אַלע וואַריאַנטן ספּעקטאַקולערער מאַטער
פון יעזואיטישן סאַדיזם
און מאָדערנער פּאָמפּ און פּילדער פון פּאַשיזם
מאַכן אימפּאָזאַנט
אַזאַ היסטאָרישע לויה
ווי טאָרקוועמאַדאַ־מיטלאַלטער.
מירן דיך דערהייבן
צו דער העכסטער לאָזשע פון גן־עדן,
און פאַר אַן אייביקער מצבה
וועלן מיר לאָזן דעם גיבראַלטאַר.
מירן דיך פּאַראייביקן.

שטאַרב,
שפּאַניע פון שייטערס־קלאַסיציזם,
פּגר,
און פלי צו דיינע שייטער־געטער
איבער אַלע העכסטע סטראַטאָספערן
צום פּאַראַדיז פון פּאַראַדיזן
וואָס שטייט פון פאַר יצירה גרייט
פאַר די זשעניען פון דעם וועלט־פּאַשיזם.
פלי, פלי,
ליבע, גוטע, פרומע, אַלטע שפּאַניע
און זאָל מען פונדערווייטן
גוטע גרוסן הערן.

שטאַרב.
פּגר.
פון די גוואַדאַראַמעס ביז איביזאַ
גראָבט מאַדריד דעם קבר
פון פּאַשיזם.
און דיין לעצטן גענעראַל,
און דיין לעצטן גלח, —

פאַר דער וועלט דער אָפּענער ווי אַ דערמאָנונג, —
מיר וועלן אויסהענגען אַף גערניקאַס אַ חרובן קאַטעדראַל,
מיט אַ בלוטיקן אויפשריפט:
„צדק לפניו יהלוך" . . .

„נאָ פּאַסאַראַן!"

(דאָס שפּאַניש ליד)

דאָס ליד זינגט אַף אַלע ראַדיאָס.
דאָס ליד זינגט דורך דיינע דינסטע אָדערן
און לייכט־אויף אין דיר
הערלעכער פון אַלע פיינסטע אַריעס.

דאָס ליד איז די ליבשאַפט פון גוטן מענטש,
דאָס ליד שמעקט מיט בלומען־זון פון אַנדאַלוזיע,
מעלאָדיע — פון לעבנס צעוויטיקט האַרץ
אַף טויזנטיאָריקע אילוזיעס.

דאָס ליד איז דער טעם פון מאַלאַגער ווייַן,
פון סעווילער גאָלדענע אָראַנזשערייען,
דאָס ליד איז שפּאַניעס פלאַטערדיקע פרייד,
וואָס זינגט איר טרוים דורך אומעט פון טליענדיקע ווייען.

דאָס ליד זינגט מיטן שווייגן פון מאַדרידס אַלמנות,
דאָס ליד זינגט מיט צער פון ליבע אין אַ וועלט פון שנאה,
דאָס ליד זינגט מיט איינגעהאַלטענעם געוויין
פון זוכנדיקע הענט און אויגן אין אַשיקע רואינעס.

דאָס ליד איז
די טיף פון טיפעניש
פון דורות ראָמאַנצעראָס,
דאָס ליד איז דער דראַנג
צו די מענטשלעכסטע באַגערן.

דאָס ליד, דאָס ליד: „נאָ פּאַסאַראַן!" —
זינגט איבער דער וועלט דער גאַרער.
ווי גליענדיקער מערב־הימל גליט דיין גלויבן אין דעם טאָן.
יעדעס פאָלק האָט אַזאַ ליד.
אַזאַ פאָלק — קען ניט אייביק זיין פאַרלאָרן.

סאַלוד!

ברענענדיקע וועלדער
האָבן פון בלוט און פונקען
געבוירן אַ וואָרט.

ברענענדיקע וועלדער
האָבן שפּאַרנדיק צו האָריזאָנטן
געבוירן אַ ליד.

וועלדער זינגען אַלעמאָל:
אין זוניקער רוימיקייט,
אין רעגן, אין מבול, אין שטורעם,
און וועלדער זינגען ווען זיי ברענען.

און אַליז,
וואָס שטאַמט פון פייער־וועלדער —
זעט
און הערט
און פילט די וועלט.
האָט די וועלט אַ ליד אַ נייע,
און אַ וואָרט:
אַ נייע מאָרגנליד,
און אַ נייעם וועלט־גוטמאָרגן:
„נאָ פּאַסאַראַן!"
„סאַלוד!"